בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

## סעודה שלישית

## קדושים תשכ"ז (חלק ג)

מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן

• במדרש פליאה: כששמע משה מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, אמר לו הקב"ה קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל • במדרש פליאה: שאל האי מינא את רבי מאיר, אַנְתְּ מָארֵי דְּמַתְנִיתִין, אֵימָא לִי טַעֲמָא דְּעָרְלָה, וְאֵימָא לִי בְּשָׁעָה דְּקַבִּילְתֶּן אוֹרַיְיתָא אַמַּאי לָא בְּעִיתוּ שְׂכַרְכֶן לְעוֹלָם הַבָּא • רמז שנות ערלה ורבעי, על הד' גלויות והגאולה העתידה • מנינים בחשבון ספירת השנים א] לבריאת העולם ב] ליציאת מצרים ג] לבנין הבית ד] לחורבן הבית ה] ולגאולה העתידה • כשצדיק בא למעלה, אומרים לאברהם אבינו אשריך שיצא מחלציך • כח האמונה וכח שמירת דרך ה' מוטבע בבני ישראל מן אברהם אבינו • עיקר שכרן של ישראל בעולם העליון, ולעתיד, הוא רק עבור שסבלו בזמן הגלות • בזכות לימוד התורה ומשניות הגליות מתכנשות • ביאור הנוסח: לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ד לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** Copyright ©

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

לשון קדשו - קונטרס **רלח** (חלק ג) (**32** מינוט מתוך **82**) **זייער קלאָר** ★★★★★

**לשון קדשו:** **929-522-1515**

ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**

דרוק **1** דערנאך **968** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→3→727. 3**

# • ברכת מזל טוב •

הרב **אלעזר הלוי גרובער** שליט״א (ב״ר פישל)
לאירוסי בנו החתן **מרדכי דוב** נ״י
עב״ג בת הר״ר **יעקב פסח הכהן גרינבערג** הי״ו
ובהאי שעתא הזמן גרמא, לברכו מקרב הלב, על עבודתו בקודש לברר מקחו של צדיק, לשביעת רצון הלומדים בתורתו של רביה״ק זי״ע כברכת, מערכת לשון קדשו

הר״ר **יואל גרינפעלד** הי״ו
(ב״ר יחזקאל שרגא)
לאירוסי בנו החתן **שלמה יודא** נ״י
עב״ג בת הר״ר **יקותיאל יעקב פיש** הי״ו

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרה״ק רבי **ישעי׳** ב״ר **משה** זצ״ל **מקערעסטיר**
יומא דהילולא ג׳ אייר - **זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

הרה״ח גדול בתורה ובחכמה, מופלג ומפורסם במדות טובות, ענותן ושפל ברך, הסתפק במועט, היטיב לשבורי לב, ובשכלו הישר עסק בהבאת שלום, תלמיד חביב ועבד נאמן של רביה״ק זי״ע, וזכה לחנך אלפי תלמידים בשיטתו הברורה, מנהל מחנה רב טוב ובית האופה
רבי **יהודה** הכהן ז״ל **ראזענבערג**
בן רבי דוד הכהן ז״ל - נפטר ג׳ אייר תשנ״ו

הרב **חיים יהושע העשיל** ז״ל
בן יבלח״ט הרב **שלמה אליעזר מייזעלס** שליט״א
אב״ד ריטשוואל
נפטר ב׳ אייר תש״פ
**היות שלא הניח זש״ק נא לעשות לטובת נשמתו**

האשה החשובה והצנועה המפורסמת במעשיה הטובים
מרת **פערל** ע״ה **קויפמאן**
בת הרה״ג ר׳ **זאב** (פעפער) ז״ל
אשת הרה״ח מוה״ר **חנני׳ יו״ט ליפא** ז״ל
נפטרה ח׳ אייר תשע״ה

האשה החשובה והצנועה המפורסמת במעשיה הטובים
מרת **הינדא** ע״ה **אייזענבערג**
בת הרה״ח ר׳ **יחזקאל שרגא** ז״ל הי״ד
אשת הרה״ח מוה״ר **משה** ז״ל
נפטרה ז׳ אייר תשפ״ג

האשה החשובה והצנועה, יראת ה׳ היא תתהלל
מרת **פרידא מילכה** ע״ה
ב״ר **חיים שמחה בונם** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **שמואל צבי קופטשיק** שליט״א
נפטרה ג׳ אייר תש״פ

האשה החשובה, בעלת צדקה וחסד, נודעת בשערים בעבודתה המרובה ובהכנה דרבה לכבוד השבת קודש
מרת **רבקה יוכבד** ע״ה ב״ר **בנציון הלוי** נ״י
אשת הר״ר **שלום יוסף דייטש** הי״ו
נפטרה ו׳ אייר תש״פ

קרן **חיה רויזא**
לע״נ הרבנית הצדיקת **חיה רויזא טייטלבוים** ע״ה
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

KolSatmar.com

יז

# קושיות ודקדוקים בפרשת עָרְלָה

ווייטער אין די פרשה, געפֿון מיר די פַּרְשָׁה פון עָרְלָה.

וְכִי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ וּנְטַעְתֶּם כָּל עֵץ מַאֲכָל, וַעֲרַלְתֶּם עָרְלָתוֹ אֶת פִּרְיוֹ, שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים [לֹא יֵאָכֵל]. וּבַשָּׁנָה הָרְבִיעִת יִהְיֶה כָּל פִּרְיוֹ קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַה׳. וּבַשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ, לְהוֹסִיף לָכֶם תְּבוּאָתוֹ, אֲנִי ה׳ [אֱלֹקֵיכֶם].

כט

### הקדמה לקושיא טו

במדרש דורש פרשת ערלה על ענין הגליות, ועל זה רומז הפסוק שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים, הם ג׳ מלכויות הראשונות, שלא תצפו בו לגאולתכם, אלא בַּשָּׁנָה ׳הָרְבִיעִית׳ תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ, שבמלכות הרביעית תהיה לכם גאולה

און אין ילקוט שמעוני אין משלי[א], אויף דעם פסוק תַּחַת שָׁלוֹשׁ רָגְזָה אֶרֶץ (משלי ל, כא), זאָגט דער ילקוט, שָׁלוֹשׁ מיינט מען די שלש מלוכות, די מַלְכֻיוֹת וואָס זיי האָבן מְשַׁעְבֵּד געווען בְּיִשְׂרָאֵל, די [ג׳] גָלוּת׳ער.

זאָגט ער [ווייטער], וכן הוא אומר שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים.

טייטשט ער גאָר עפּעס אַנדערש [בפרשת ערלה. כי] שָׁלֹשׁ שָׁנִים מיינט מען די דריי גָלוּת׳ער, די ג׳ מַלְכֻיוֹת. [ועל זה נאמר] לֹא יֵאָכֵל, [שבהם] לֹא תְּצַפּוּ לִגְאוּלָה, ביי די אַלע [ערשטע] דריי גָלוּת׳ער זאָל מען נישט האָפן אויף קיין גְאוּלָה, לא תצפו לגאולתכם.

נאָר בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית, [דאָס] מיינט מען מַלְכוּת הָרְבִיעִית, דאָס פערטע גלות, ביי מלכות אֱדוֹם, דעס וואָס אונז זעמיר [דערין], בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית דעמאָלטס וועט זיין תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ, דעמאָלטס וועט זיין די גְאוּלָה שְׁלֵימָה, נאָך ׳דעם׳ גָלוּת [שלעתה] וועט זיין די גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

אַזוי זאָגט דער מדרש דאָרט אין ילקוט, דער ילקוט שמעוני ברענגט עס דאָרטן אויף דעם פסוק אין משלי. טייטשט ער גאָר עפּעס אַנדערש אויף דעם, די פרשה פון עָרְלָה נעמט ער גאָר אַרויס אויף די גָלוּת׳ער.

ל

### קושיא טו

וצריך ביאור מה שאומר כן במדרש על בַּשָּׁנָה ׳הָרְבִיעִית׳, שהרי בפסוק נאמר בַּשָּׁנָה ׳הַחֲמִישִׁית׳ תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ

טו) [אמנם צריך ביאור מה שאמר כן על] בַּשָּׁנָה ׳הָרְבִיעִית׳, [שהרי הפסוק] תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ איז דאָך בַּשָּׁנָה ׳הַחֲמִישִׁית׳ [ולא ברביעית].

לא

### התחלה לישוב קושיא טו

ובפשטות אפשר לומר דהמדרש קאי על ׳בְּשׂוֹרַת׳ הַגְּאוּלָה, שזה יהיה בהיותם עדיין במלכות ׳הרביעית׳. והפסוק מיירי אל זמן ׳הַגְּאוּלָה׳ עצמה, ולכן קורא אותה בַּשָּׁנָה ׳הַחֲמִישִׁית׳. אבל נראה לומר עוד בזה לדרכינו

[נאָר] לכאורה דאָס קאָן מען זאָגן ער מיינט בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית, אַז אין דעם גלות וועט זיין די ׳בְּשׂוֹרַת׳ הַגְּאוּלָה, און יענעס [הזמן ׳שלאחר׳ הגאולה] רופט ער אָן שָׁנָה הַחֲמִישִׁית, אַזוי קומט דאָך אויס.

---

[א] בילקוט שמעוני על נ״ך (משלי פרק ל, רמז תתקסג): תַּחַת שָׁלוֹשׁ רָגְזָה אֶרֶץ, אלו שלש מלכיות שמשעבדות לישראל. וְתַחַת אַרְבַּע לֹא תוּכַל שְׂאֵת (משלי שם), זו אומה רביעית, כביכול אין הקב״ה יכול להניח את ישראל, אלא מיד הוא גואלם. ○ וכן הוא אומר שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים, אלו שלש מלכיות, שלא תצפו לגאולתכם. אין לכם [לצפות] אלא בַּשָּׁנָה ׳הָרְבִיעִית׳ תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ, שבמלכות רביעית יהיה לכם גאולה.

KolSatmar.com

ער ברענגט גאָרנישט [דעם לשון הפסוק] **חֲמִישִׁית**, ער זאָגט נאָר בַּשָּׁנָה ׳הָרְבִיעִית׳, אַז **בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית** וועט זיין **תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ**, [ולפי מדרשו] דאָס איז די גְאוּלָה [העתידה, און] אין פסוק שטייט דאָך **חֲמִישִׁית**.

נאָר מיינט מען [אַז] דעמאָלטס וועט זיין די **בְּשׂוֹרַת הַגְּאוּלָה**, אַזוי מוז איך זאָגן.

לב

[נאָר] איך וועל שוין זאָגן ווייטער (באות קכד-קלז), אַז ס׳קאָן זיין [להוסיף עוד, כי] ס׳האָט פלאַץ אין דעם לשון "בַּשָּׁנָה", [במה שנאמר] ׳בַּשָּׁנָה׳ הָרְבִיעִית, ׳בַּשָּׁנָה׳ הַחֲמִישִׁית. איך וועל דאָס שוין באַלד מַסְבִּיר זיין.

לג

**הקדמה להדרוש**

ועל כל פנים נרמז בפרשת ערלה גם ענין הגלות והגאולה

[אָבער] על כל פנים דאָס איז גאָר ווידער אַן אַנדערע דְרָשָׁה, אַלץ אויף דעם פסוק [שבפרשת ערלה].

אויסערן **חִינוּך**[ב] [שדרשוהו במדרש ברמז הפסוקים בפרשת ערלה, הרי נרמז כאן] **דעם גלות מיט די גְאוּלָה**, [וואָס דאָס] שטעלט ער גאָר אַריין אין ׳דער׳ פרשה.

לד

**קושיא יז**

באור חדש מביא מדרש פליאה: שאל האי מינא את רבי מאיר, אַנְתְּ מָאֲרֵי דְּמַתְנִיתִין, אֵימָא לִי טַעֲמָא דְּעָרְלָה, וְאֵימָא לִי בְּשָׁעָה דְּקַבִּילְתֶּן אוֹרַיְיתָא אַמַּאי לָא בְּעִיתוּ שְׂכַרְכֶן לְעוֹלָם הַבָּא

דער אור חדש אין קידושין דף נ"ז[ג] דאָרט ערגעץ אין די סוגיא פון הַמְקַדֵּשׁ בְּעָרְלָה, ברענגט ער אַ מַאֲמַר נִפְלָא.

ברענגט ער אַ מַאֲמַר וואָס זיי האָבן זיך געפלאָגט דערויף - זאָגט ער - גדולי דורות שלפנינו, אַזוי ברענגט ער [אַז] ס׳שטייט אין כמה ספרים.

- איך האָב עס נישט געזען [בשאר ספרים], נאָר נֶאֱמָן עָלֵינוּ דער אור חדש. -

ברענגט ער דאָרטן דער אור חדש אַ מאמר, דאָס לשון, וזה לשונו, עפּעס אַ פֶּלֶא פון אַ מַאֲמַר: **שָׁאַל הַאי מִינָא אֶת רַבִּי מֵאִיר, אַנְתְּ הוּא מָאֲרֵי דְּמַתְנִיתִין**, דו ביסט **מָאֲרֵי דְּמַתְנִיתִין, אֵימָא לִי טַעְמָא דְּעָרְלָה**, זאָג מיר **טַעְמָא דְּעָרְלָה, וְאֵימָא לִי בְּשָׁעָה דְּקַבְּלִיתוּ אוֹרַיְיתָא אַמַּאי לָא בְּעִיתוּן שְׂכָרְכֶם לְעוֹלָם הַבָּא**[ד].

אַזוי ברענגט ער דאָס לשון פון דעם מַאֲמַר, פון דעם מדרש.

[און] ער זאָגט דאָרטן **בְּדֶרֶךְ פִּלְפּוּל** דערויף, לְפִי דַרְכּוֹ.

לה

ויש להבין כוונת שאלות אלו, וגם שייכות שתי השאלות זה לזה

יז) נאָר וואָס מ׳קען זאָגן **בְּדֶרֶךְ אַגָּדָה פְּשַׁט**, [לפי דרכינו].

---

[ב] מה שרמזו במדרשים כאן ענין חינוך הבנים (וכמו שהזכיר רבינו מזה לעיל בקושיא יד, הנדפס בח"ב של הקונטרס).

[ג] בספר **אור חדש** (להגאון רבי אלעזר קאליר אב"ד רעכניץ, בן בתו של הפנים מאירות) על מסכת קידושין (דף נז: בד"ה בפיסקא וחולין שנשחטו בעזרה) כתב בתוך הדברים וז"ל: ובזה ביארתי בדרושי, מדרש פליאה מה שמצאתי בכמה ספרים, שעמדו גדולי הדור שלפנינו בזה, והוא גם בספר ראש יוסף, אשר יאמר כי הוא זה: שאל האי מינא את רבי מאיר, אַנְתְּ מָאֲרֵי דְּמַתְנִיתִין, אֵימָא לִי טַעֲמָא דְּעָרְלָה, וְאֵימָא לִי בְּשָׁעָה דְּקַבִּילְתֶּן אוֹרַיְיתָא אַמַּאי לָא בְּעִיתוּ שְׂכָרְכֶן לְעוֹלָם הַבָּא. והוא פלאי.

[ד] פירוש המאמר בלשון הקודש: שָׁאַל מין אחד את רבי מאיר, הלא אתה הוא מגדולי בעלי המשנה, אמור לי הטעם של ערלה. ואמור לי מדוע בשעה שקבלתם את התורה לא בקשתם שכרכם לעולם הבא.

KolSatmar.com

[שהרי] ס'איז דאָך אַ פֶּלֶא די צוויי שַׁאֲלוֹת פונקט, [און] וואָס אַ שייכות דאָס האָט [דהאיך תלויים ב' השאלות אלו זה בזה. וגם במה שהקדים לומר לו 'אנת הוא מארי דמתניתין'].

**ס'איז אינגאַנצן אַ מַאֲמַר נִפְלָא.**

לו

## קושיות ודקדוקים בפסוק מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם

### קושיא יח

במדרש פליאה: כששמע משה מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, שאל על זה, ואמר לו הקב"ה קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל

[מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן].

**יח) דער טאַטע זכרונו לברכה אין קדושת יום טוב**[ה], (בפרשתן) **אויף דעם פסוק מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ, ברענגט ער אויך אַ מדרש** [פליאה, וזה תוארו]:

**כשעלה משה למרום, ושמע שאמר הקדוש ברוך הוא מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, אמר מה זה מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם. אמר לו הקדוש ברוך הוא קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל** (עמוס ה, ב).

[וצריך ביאור להבין שייכות אלו הב' פסוקים].

לז

### קושיא יט

במדרש תהלים: מן הכבוד שנתת לִזְקֵנִים, הוא עושה שאצור פקודיך. לכך נאמר מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי. אמר לו הקב"ה הוא עד עכשיו לא ראית כלום, עדיין יש לך לראות, שנאמר כִּי מָלַךְ ה' צְ-בָאוֹת בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם. ופירשו המפרשים דהוא נלמד ממה דכתיב בתריה וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד

**און אין מדרש תהלים, אין מדרש שוחר טוב אויף תהלים, האָט ער אויך עפּעס אַ חידוש פון אַ מאמר.**

**אין תמניא אפי**[ו] **אויף דעם פסוק מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן** (קיט, ק), **שטייט אין מדרש תהלים**[ז] **אויפן פסוק מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי, זאָגט דער מדרש אַזוי:**

**ער רעכנט אויס, ער הייבט אָן קודם ביי דוד המלך, זאָגט ער חִלַּקְתָּ כָּבוֹד לִזְקֵנִים, ביי יְצִיאַת מִצְרַיִם שטייט** (שמות ג, טז) **לֵךְ וְאָסַפְתָּ אֶת זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל,** [און] **ביי מתן תורה שטייט** (יתרו יט, ז) **וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְזִקְנֵי הָעָם וַיָּשֶׂם לִפְנֵיהֶם, ונאמר מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם.**

**וממה שחלקת כבוד לזקנים, עָשָׂה לִי שֶׁאֶצּוֹר פִּקּוּדֶיךָ, שנאמר מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן, על כן פִּקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי.**

**אמר לו הקדוש ברוך הוא עוד לא ראית כלום, דו האָסט נאָכנישט געזען**

---

[ה] בקדושת יום טוב בפרשתן: מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וגו'. במדרש הובא בספר מאמר מרדכי, כששמע משה רבינו ע"ה מפי הקב"ה מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, אמר לו קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל (עמוס ה ב), עד כאן. והוא פלאי. [ועיי"ש תירוצו].

ולשון רבינו כאן הוא כלשון המובא בשאר ספרים ביתר אריכות, ומהם **בדמשק אליעזר** (בפרשתן, אות א) בשם מאמר מרדכי בזה"ל: בשעה שעלה משה למרום שמע שהקב"ה אמר מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, אמר משה מאי מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, אמר לו קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל.

[ו] כינוי למזמור קי"ט בתהלים, שיש בו ח' פסוקים בכל אות דא' ב'. ומקור לשון זה הוא **בגמרא ברכות** (ד:).

[ז] **במדרש תהלים** (מזמור קיט): מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי (שם, צט). מהו מִכָּל מְלַמְּדַי, צריך אדם שיהיו לו חברים ותלמידים בתורה, שאם שכח דבר אחד, שואל לחבריו ומזכירה אותו. וכן הוא אומר (קהלת ד, ט-יא) טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד, וְגַם אִם יִשְׁכְּבוּ שְׁנַיִם וְחַם לָהֶם, כִּי אִם יִפֹּלוּ הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ. לכך נאמר מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי. ומי גרם לי, שיחת זקנים. שנאמר מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן וגו'. ○ מהו מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן, הרבה כבדת את הזקנים ולא הוצאתם ממצרים, עד שפירשת ואמרת (שמות ג, טז) לֵךְ וְאָסַפְתָּ אֶת זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל. ולא נתת את התורה עד שאמרת לאספם, וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְזִקְנֵי הָעָם וַיָּשֶׂם לִפְנֵיהֶם (יתרו יט, ז). ואומר מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וגו'. וכן הוא אומר (האזינו לב, ז) שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵּדְךָ וגו'. מן הכבוד שנתת לזקנים, הוא עושה שאצור פקודיך. לכך נאמר מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן [כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי]. ○ אמר לו הקדוש ברוך הוא עד עכשיו לא ראית כלום, עדיין יש לך לראות, שנאמר (ישעיה כד, כג) כִּי מָלַךְ ה' צְ-בָאוֹת בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם וגו'.

KolSatmar.com

גאָרנישט, עדיין אתה עתיד לראות ווען ס׳וועט זיין צִיּוֹן וְהַר קָדְשִׁי, [שנאמר] (ישעי׳ כד, כג) כִּי מָלַךְ ה׳ בְּהַר צִיּוֹן [וּבִירוּשָׁלַיִם], ווען מ׳וועט אויפבויען צִיּוֹן וְהַר קָדְשִׁי.

לח

זאָגן זיי פְּשַׁט[ח], ווייל דער פסוק (בישעי׳ שם) פירט אויס, וְנֶגֶד ׳זְקֵנָיו׳ כָּבוֹד.
אַזוי זאָגן די מפרשים דאָרט אין מדרש, אַז דאָס מיינט ער.

לט

אמנם אכתי יש להבין עוד, האיך נלמד זאת דייקא מלשון הפסוק וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד.
ואי משום שנזכר בה לשון זְקֵנִים, הלא יש עוד כמה פסוקים כאלו שנזכרים בה לשון זְקֵנִים

יט) על כל פנים איז דאָך עס אויך אַ פֶּלֶא, וואָס האָט ער אים דאָ געזאָגט, אַז ס׳וועט זיין והיה ה׳ למלך בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם, [אָז יהיה] וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד. דאָס האָט ער נאָכנישט געזען [עד עתה, אמנם] דאָס וועט ער זען מער [לעתיד לבא].

ס׳שטייט דאָך פריער אויכעט [כמה פסוקים] פון די זְקֵנִים, וואָס איז [דער] וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד [מער משמע]. אפילו איך וועל שוין זאָגן דעם אויספיר [פונעם פסוק וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד, עדיין צריך ביאור הכוונה, דמה ראה בפסוק זה דייקא].

[ובאמת] אין מדרש [אליין] שטייט ניטאַמאָל דער אויספיר אויך נישט, נאָר מָלַךְ ה׳ בְּהַר צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם. [נאָר אפילו מיט דעם אויספיר] אַז דורך די זְקֵנִים וועט ער געבן כָּבוֹד, דאַרף מען נאָך אַלץ פאַרשטיין [האיך למד כן מלשון פסוק זה דייקא].

פא

# ישוב הקושיות בפרשת עָרְלָה

קטז

הקדמה א לישוב קושיא יז (באופן שני)[ט]

נאָר אָבער קען זיין נאָך, ס׳קען זיין נאָך אַ בחינה אין דעם מאמר [המובא באור חדש, להבין ׳השאלות׳] וואָס דער האָט געפרעגט.

קיז

כבר הבאתי מה שבמדרש דרשו לפרשת ערלה, על רמז הד׳ גליות והגאולה

דאָס האָב איך דאָך שוין פריער מַזְכִּיר געווען (באות כט, ואות לג) דעם מדרש [ילקוט אין משלי, [אַז] דאָ ליגט נאָך עפעס אין דעם שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים, [אַז] ס׳גייט אַרויף אויפן גָלוּת.

קיח

ובאמת מה שהיו אלו ד׳ גליות, זהו רק לפי שהחטא הוא שגרם שעדיין לא היה תיקון השלם בדורות הראשונים, עד שבאו לידי ד׳ גליות. וכענין מה שאמרו בגמרא דראוי היה לעשות להם נס בימי עזרא כמו בימי יהושע, אלא שגרם החטא

לכאורה דער אֱמֶת, [לויט] אַזוי ווי דער מדרש זאָגט דאָרטן, אַז די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט געזאָגט [בפרשה זו, אַז אין] די דריי גָלוּת׳ער [הראשונים] זאָלסטו נישט האָפן אויף קיין גְאוּלָה.

[והרי] דער אֱמֶת, האָט דאָך דאָס דער חֵטְא גוֹרֵם געווען [בדורות שלאחר זה, מה שנתארך הגלות עד עתה. אָבער] ווען די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט דאָס געזאָגט, האָט דאָך נאָך

---

[ח] בפירוש הישן (להג״ר יצחק ב״ר שמשון כ״ץ) הנדפס על מדרש שוחר טוב (בדפוס אמשטרדאם שנת ת״צ): וּבִירוּשָׁלַיִם וגו׳. פירוש, וכתיב בתריה וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד. - ובביאור הרא״מ (פאדווא, שם אות עח): בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד, כן צריך לומר. כי מזה עיקר הדרשה.

[ט] ואופן הראשון כבר נדפס בחלק ב׳ של הקונטרס.

KolSatmar.com

געקענט זיין אַ גְאוּלָה [גם בדורות הראשונים], ס'איז דאָך הערשט דער חטא [הוא שגרם את הגלות והשעבוד].

[וכענין שאמרו בגמרא][י] ראויים היו להיות נעשה להם נס בימי עזרא כמו [שנעשה להם בימי יהושע, וכנרמז בפסוק] ביים תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ[יא] (בשלח טו, יז), נאָר שֶׁגָּרַם הַחֵטְא.

קיט

ואף שזה תלוי לפי הזכותים או החטאים, אין בזה קושיא האיך נרמז זה למשה רבינו. וכדאיתא בספרים דרק בחינת 'דיבור' מפורש הוא שמכריח את הבחירה, אבל כל שהוא רק בדרך רמז, הוא בבחינת 'ידיעה' שאינו מכריח את הבחירה

נאָר אָבער דאָס איז נישט קיין קַשְׁיָא [האיך כבר נרמזו הגליות בימי משה, שהרי] דער רוּחַ הַקֹּדֶשׁ האָט [דאָס] געזאָגט, [וגלוי וידוע לפניו ית' שלבסוף יהא החטא גורם לזה].

[וכעין שמצינו] מ'האָט דאָך געוויזן [שוין] פאַר אברהם אבינו אויכעט די חורבנות[יב], און אַלע [מאורעות שבכל הדורות], כאָטשיג ס'איז [נאָך געווען] תלוי אין חטא.

בְּדִיבּוּר קען נאָר נישט זיין [שיגלו את העתידות התלויים בחטא, ווייל] דער דִיבּוּר איז מַכְרִיחַ [די בחירה]. אָבער די יְדִיעָה איז נישט מַכְרִיחַ די בְּחִירָה, [ולכן כבר יכלו 'להראות' להם בבחינת 'ידיעה' ודרך רמז].

איבערדעם האָט מען געוויזן אַלעס. [און] מ'האָט געקאָנט זען אין סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם[יג] איז געשטאַנען אַלדינגס. וואָרן דעס הייסט אַלץ [נאָך] נישט בְּדִבּוּר.

---

[י] בגמרא ברכות (ד.): תנא משמיה דרבי יוסי, למה נקוד על לוּלֵא [הֶאֱמַנְתִּי לִרְאוֹת בְּטוּב ה'] (תהלים כז, יג) [פירש"י: נקוד על לולא, לדרוש את הנקודה שהיא ממעטת את משמעות הכתוב, לומר שלא דבר ברור היה לו לראות בטוב ה'. לולא לשון אם לא, כמו 'לוּלֵי' אֱלֹקֵי אָבִי וגו' הָיָה לִי (ויצא לא, מב)], אמר דוד לפני הקב"ה, רבונו של עולם מובטח אני בך שאתה משלם שכר טוב לצדיקים לעתיד לבוא, אבל איני יודע אם יש לי חלק ביניהם אם לאו, שֶׁמָּא יִגְרוֹם הַחֵטְא [תירוצא הוא, לעולם מוחזק בידו שהוא חסיד, וזה שספק בידו אם יִרְאֶה בְּטוּב ה', לפי שהיה ירא שמא יחטא ויגרום החטא מלראות בטוב]. ○ כדרבי יעקב בר אידי, דרבי יעקב בר אידי רמי, כתיב וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ, וכתיב וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד, אמר שֶׁמָּא יִגְרוֹם הַחֵטְא [שמא אחר הבטחה חטאתי]. ○ כדתניא [שהחטא גורם שאין ההבטחה מתקיימת], עַד יַעֲבֹר עַמְּךָ ה' עַד יַעֲבֹר עַם זוּ קָנִיתָ (בשלח טו, טז), עַד יַעֲבֹר עַמְּךָ ה' זו ביאה ראשונה [שבאו בימי יהושע], עַד יַעֲבֹר עַם זוּ קָנִיתָ זו ביאה שנייה [כשעלו מגלות בבל בימי עזרא], מכאן אמרו חכמים ראויים היו ישראל ליעשות להם נס [לבוא ביד רמה] בימי עזרא, כדרך שנעשה להם בימי יהושע בן נון, אלא שגרם החטא [ולא הלכו אלא ברשות כורש, וכל ימי מלכי פרס נשתעבדו להם, לכורש ולאחשורוש ולדריוש האחרון].

[יא] כנראה הכוונה על הפסוק הקודם לזה עַד יַעֲבֹר עַמְּךָ ה' עַד יַעֲבֹר עַם זוּ קָנִיתָ, שמזה דרשו כן בגמרא ברכות דלעיל. [או אולי הכוונה על דברי הילקוט שמעוני בשלח (רמז רנג): דבר אחר תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ, נטיעה שאין בה נטישה, שנאמר (ירמי' כד, ו) וּבְנִיתִים וְלֹא אֶהֱרֹס וּנְטַעְתִּים וְלֹא אֶתּוֹשׁ, כִּי בְּהַר קָדְשִׁי בְּהַר מְרוֹם יִשְׂרָאֵל. בְּהַר נַחֲלָתְךָ, בהר שהבטחתנו בו, שנאמר (שם) בְּהַר מְרוֹם יִשְׂרָאֵל. - ועיין עוד במדרש ויושע על פסוק תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ וז"ל: כיון שראה משה אהבתו של הקב"ה שאהב את ישראל, אמר לפניו רבש"ע תביאם ותטעם שם, ותהיה אותה נטיעה שלימה שלא תהיה לה נתישה לעולם, ותוריד ירושלם מן השמים ולא תהרוס אותה לעולם, ותכנס גליותיהם של ישראל לתוכה וישבו עליה לבטח, לכך נאמר תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ בְּהַר נַחֲלָתְךָ מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ פָּעַלְתָּ ה' מִקְּדָשׁ ה' כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ].

[יב] כמבואר בבראשית רבה (מד, כא): וַיְהִי הַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה וַעֲלָטָה הָיָה (לך טו, יז) וכו'. וְהִנֵּה תַנּוּר עָשָׁן וְלַפִּיד [אֵשׁ] (שם). שמעון בר אבא בשם רבי יוחנן אמר, ארבעה דברים הראה לו, גיהנם, ומלכיות, ומתן תורה, ובית המקדש, אמרו לו כל זמן שבניך עסוקים בשתים, הם ניצולים משתים וכו'. אמר לו במה אתה רוצה שירדו בניך, בגיהנם או במלכיות. ר' חנינא בר פפא אמר אברהם ברר לו את המלכיות, רבי יודן ור' אידי ור' חמא בר חנינא אמרו אברהם ברר גיהנם והקב"ה ברר לו את המלכיות, הדא הוא דכתיב (האזינו לב, ל) אִם לֹא כִּי צוּרָם מְכָרָם זה אברהם, וַה' הִסְגִּירָם, מלמד שהסכים הקב"ה לדבריו וכו'.

ועוד שם (נו, י): וַיִּקְרָא אַבְרָהָם שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה' יִרְאֶה (וירא כב, יד) וכו'. מלמד שהראה לו הקב"ה בית המקדש חרב ובנוי, חרב ובנוי, שנאמר שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה' יִרְאֶה, הרי בנוי, היך מה דאת אמר (ראה טז, טז) שָׁלוֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה. אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה', הרי חרב, שנאמר (איכה ה, יח) עַל הַר צִיּוֹן שֶׁשָּׁמֵם. ה' יֵרָאֶה, בנוי ומשוכלל לעתיד לבא, כענין שנאמר (תהלים קב, יז) כִּי בָנָה ה' צִיּוֹן נִרְאָה בִּכְבוֹדוֹ.

[יג] כמבואר בגמרא עבודה זרה (ה.): דאמר ריש לקיש, מאי דכתיב זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם וגו' (בראשית ה, א), וכי ספר היה לו לאדם הראשון, מלמד שהראה לו הקב"ה לאדם הראשון דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו, דור דור ופרנסיו. [ועיין עוד בגמרא בבא מציעא (פה:)].

KolSatmar.com

אָבער די יְדִיעָה פונעם בורא כל עולמים איז געווען [פון] פאָראויס, אַז ס'וועט אַזוי זיין.

קכ

פונדעסטוועגן די בְּחִירָה [עדיין היה באפשרי שלא יחטאו. און] דאָס איז דאָך [די קשיא פון] די ידיעה מיט די בחירה וואָס מ'פרעגט[יד], [וכבר תירצו שאין בזה סתירה, ושניהם אמת, ואף שהשכל האנושי אינו מבין זאת על בוריו].

אָבער אין פסוק ליגט שוין דאָס, מ'האָט דאָס נישט מְגַלֶה געווען פריער [שזהו כוונת הפסוק, רק בדורות שלאחר זה גילו לנו חכמז"ל כל זאת]. אָבער אין פסוק ליגט שוין דאָס [מרומז], דער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ האָט [עס] שוין געזען.

קכא

יעקב אבינו האָט נאָך אויך געזאָגט – [ווי] דער מדרש[טו] ברענגט דאָך אויך - די חורבנות, דעם חורבן א' [וב'], און ולא אשכל עוד. כַּאֲשֶׁר שָׁכֹלְתִּי בחורבן ראשון, שָׁכָלְתִּי בחורבן שני, [ולא אשכל עוד].

ער האָט שוין אויך געזען אַלדינגס, ער האָט אויך שוין געזאָגט פסוקים [וואָס] ער האָט מְרַמֵז געווען אין די ווערטער אַלע חורבנות וואָס ס'וועט זיין, די אַלע גָלוּת'ער.

קכב

איבערדעם זאָגט דאָס דער מדרש [גם ברמז הפסוקים שבפרשת ערלה, דשם נרמזו ענין הד' גליות, והגאולה העתידה].

(המשך הקדמה א לישוב קושיא יז, באות קלח)

קכג

ישוב קושיא טו

און דעס וואָס ער זאָגט דאָ אַז בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית [תאכלו את פריו, דהיינו הגאולה העתידה, והקשינו כי] לכאורה מיינט מען דאָך בַּשָּׁנָה 'הַחֲמִישִׁית', ס'קען דאָך נישט זיין [ברביעית, שהרי הפסוק] תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ שטייט הערשט בַּשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית.

נאָר [כבר פירשתי (באות לא), אַז] ער מיינט 'סוף' רְבִיעִית.

---

ובויקרא רבה (טו, א): אין מלך המשיח בא עד שיכלו כל הנפשות שעלו במחשבה להבראות, ואלו הן האמורות בספר של אדם הראשון הדא הוא דכתיב זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם.

ובמדרש תהלים (מזמור קלט) [וכן הוא בפסיקתא רבתי (פרשה כג)]: הקב"ה חשב וצר את האדם וחוה מושלך לפניו כגולם, שנאמר (תהלים שם, טז) גָּלְמִי רָאוּ עֵינֶיךָ וגו'. מהו ועל ספרך (שם), מיום שברא הקב"ה לאדם הראשון כתב לו בספרו מה שהוא עתיד להעמיד ממנו, עד שיחיו המתים. וכה קורא לפניו דור דור ודורשיו, דור דור ופרנסיו, דור דור וחכמיו, דור דור ונביאיו, דור דור וסופריו ותלמידיו, עד שיחיו המתים. וכן הוא אומר זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם וכו'.

ובסדר עולם (פרק ל): זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם. מלמד שהראהו הקב"ה לאדם הראשון דור דור ומנהיגיו, דור דור ונביאיו, דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו, דור דור ופרנסיו, דור דור ושופטיו. חכמי דור דור, נביאי דור דור, צדיקי דור דור, מספר שמותיהן, מנין ימותיהן, חשבון שעותיהן, סכום פסיעותיהן, שנאמר (איוב יד, טז) כִּי עַתָּה צְעָדַי תִּסְפּוֹר וגו'.

ועיין עוד בתורת כהנים בפרשתן (פ"ד, יב): וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, רבי עקיבא אומר זה כלל גדול בתורה. בן עזאי אומר זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם, זה כלל גדול מזה.

[יד] עיין בזה ברמב"ם וראב"ד (תשובה ה, ה), ובחובת הלבבות (עבודת האלקים, פרק ח), ובאור החיים הק' (בראשית ו, ה), ובני יששכר (אדר י, א), ועוד.

[טו] בבראשית רבה (צב, ג): ר' יאשיה בן לוי פתר קרא (מקץ מג, יד) בגליות. וְקֵל שַׁ-דַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים, וַיִּתֵּן אוֹתָם לְרַחֲמִים [לִפְנֵי כָּל שׁוֹבֵיהֶם] (תהלים קו, מו). לִפְנֵי הָאִישׁ, הקדוש ברוך הוא, שנאמר (בשלח טו, ג) ה' אִישׁ מִלְחָמָה ה' שְׁמוֹ. וְשִׁלַּח לָכֶם אֶת אֲחִיכֶם, אלו עשרת השבטים. אַחֵר וְאֶת בִּנְיָמִין, זה שבט יהודה ובנימין. וַאֲנִי כַּאֲשֶׁר שָׁכֹלְתִּי, בחורבן ראשון, שָׁכָלְתִּי בחורבן שני. כאשר שכולתי בחורבן ראשון ובשני, לא אשכל עוד.

KolSatmar.com

קכד

**נאָר ס'קען זיין ס'ליגט אין דעם וואָרט 'בַּשָּׁנָה'** (כדנזכר באות לב). [ופירושו יתבאר על 'מנין' וספירת חשבון השנים].

קכה

מבואר בדברי חכז"ל, דמתחלה כשיצאו ממצרים היו מונין חשבון השנים לצאתם ממצרים,
וכשנבנה בית המקדש התחילו להיות מונין לבנין המקדש, וכשנחרב מנו לחורבנה

[דהנה] **זעען זעט עפּעס אויס אַזוי.**

**ס'איז דאָ אַ מדרש**[טז], [אַז אין] **תחילת, ווען מ'האָט געבויעט דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, האָט מען געציילט די יאָרן לְבִנְיָנוֹ.** [אָבער פון] **ווען דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז חָרוּב געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן צו ציילן לְחוּרְבָּנָהּ** [או לחשבון שנות 'המלכות' של האומה שהיו תחת ידה]. **אַזוי זאָגט דער מדרש.**

קכו

ובימי חכמי המשנה והש"ס מצינו במשנה שהיו כותבין בשטרות לחשבון שנות 'המלכות', מפני שלום מלכות. אבל
כבר כתבו הראשונים שבדורות שאחר זה לא עשו כן, מכיון שהמלכיות שוב לא הקפידו על זה, רק נהגו להיות
מונין חשבון השנים וכן בכתיבת השטרות, לפי חשבון השנים מזמן 'בריאת העולם'

**אין די משנה זעט אויך אַזוי אויס**[יז]**. די משנה רעכנט אויס אַלע מנינים.**

**ס'איז דאָך געווען בימי חכמי הש"ס, בימי המשנה וחכמי הש"ס איז דאָך געווען, האָט מען דאָך געשריבן אין די שְׁטָרוֹת דעם מנין למלכות, וועגן שְׁלוֹם מַלְכוּת**[יח]**.**

---

[טז] **בספרי פרשת בהעלותך** (פסקא ו): וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְמִדְבַּר סִינַי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן לֵאמֹר (בהעלתך ט, א) וכו'. **ללמדך שהיו מונים עם יציאתם ממצרים,** שנאמר בַּשָּׁנָה 'הַשֵּׁנִית' לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם. באו לארץ, **והתחילו מונים לביאתם,** שנאמר (בהר כה, א) כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ [וגו' שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וגו' וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית וגו']. **נבנה הבית, התחילו מונים לבניינו,** שנאמר (דברי הימים ב' ח, א) וַיְהִי מִקֵּץ עֶשְׂרִים שָׁנָה אֲשֶׁר בָּנָה שְׁלֹמֹה. **חרב הבית, התחילו מונים לחורבנו,** שנאמר (יחזקאל מ, א) [בְּעֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה לְגָלוּתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ בְּאַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה] אַחַר אֲשֶׁר הֻכְּתָה הָעִיר. **תקף עליהם עול השיעבוד, התחילו מונים לשיעבודם,** שנאמר בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הַמֶּלֶךְ (חגי א, א), וּבִשְׁנַת שְׁתַּיִם לְמַלְכוּת נְבֻכַדְנֶצַּר (דניאל ב, א).

**ובירושלמי ראש השנה** (פ"א ה"א, דף א:): בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם (יתרו יט, א), **מכאן שמונין חדשים ליציאת מצרים.** אין לי אלא חדשים, שָׁנִים מניין, וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית (במדבר א, א). אין לי אלא לשעה, לדורות מניין, וַיְהִי בִשְׁמוֹנִים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וגו' (מלכים א' ו, א). ○ **משנבנה הבית, התחילו מונין לבניינו** [פי' בקרבן העדה: הניחו מנין הראשון שמנו ליציאת מצרים, והתחילו למנות לבנין הבית], וַיְהִי מִקְצֵה עֶשְׂרִים שָׁנָה אֲשֶׁר בָּנָה שְׁלֹמֹה אֶת שְׁנֵי הַבָּתִּים וגו' (מלכים א' ט, י). **לא זכו למנות לבנינו, התחילו מונין לחורבנו,** בְּעֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה לְגָלוּתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ וגו' (יחזקאל מ, א). **לא זכו למנות לעצמו, התחילו מונין למלכיות,** שנאמר (חגי א, א) בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ, בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְכוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס (דניאל י, א), ואומר (דבה"י ב' ג, ב) וַיָּחֶל לִבְנוֹת בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשֵּׁנִי בִּשְׁנַת אַרְבַּע לְמַלְכוּתוֹ וכו'.

[והנה חשבון ד' מנינים שהזכיר רבינו כאן, הם על פי דברי הירושלמי, אבל גם לפי דברי הספרי דמנו גם לביאת הארץ, אתי שפיר דברי רבינו להלן, בשנאמר דהכתוב בפרשת ערלה רומז על ד' וה' מנינים שהיו עתידין עוד להיות אחר אמירת פרשה זו, ואין מנין יציאת מצרים בכלל חשבון ד' וה' מנינים. - וענין המנין להשעבוד שבספרי, הוא כענין המנין למלכיות שבירושלמי, וזה לא נחשב בחשבון המנינים לעצמו, כיון שהוא רק משום שלום מלכות שרק כתבוהו בשטרות, אבל אין זה בעצם חשבון מנינם של בני ישראל, וכמו שמדגיש רבינו זה באות קכז].

[יז] **במשנה גיטין** (פ"ח ה"ה, דף עט:): כָּתַב לְשׁוּם מַלְכוּת שֶׁאֵינָהּ הוֹגֶנֶת [פירש"י: מי שהיה בבבל וכתב בשנת כך וכך למלכות אחרת. ובגמרא מפרש אמאי קרי לה שאינה הוגנת. או שכתב] לְשׁוּם מַלְכוּת מָדַי, לְשׁוּם מַלְכוּת יָוָן [לפי שצריך לכתוב לשם מלכות שנכתב בה, כדמפרש בגמרא (פ. והובא להלן). או שכתבה] **לְבִנְיַן הַבַּיִת** [או] **לְחֻרְבַּן הַבַּיִת** [פסול, מפני שלא כתב לשם המלכות], הָיָה בַמִּזְרָח וְכָתַב בַּמַּעֲרָב, בַּמַּעֲרָב וְכָתַב בַּמִּזְרָח, תֵּצֵא מִזֶּה וּמִזֶּה, וּצְרִיכָה גֵט מִזֶּה וּמִזֶּה.

[ועל כל פנים מוכח מזה שהיה דרכן לכתוב בשטרות לשם בנין הבית, או לחורבנו, אלא שבגט הוא פסול מפני שתקנו לכתוב בגיטין לשם המלכות. וכמו שמזכיר רבינו להלן באות קל].

[יח] כמבואר **בגמרא גיטין** (פ.): אמר עולא, מפני מה תקינו מלכות בגיטין, **משום שלום מלכות.** ומשום שלום מלכות תצא והולד ממזר, אין, רבי מאיר לטעמיה, דאמר רב המנונא משמיה דעולא אומר היה רבי מאיר כל המשנה ממטבע שטבעו חכמים בגיטין הולד ממזר.

**שטייט** [שוין, ווי] **תוספות**[יט] **מיטן רא״ש**[כ] **זאָגן דאָך שוין, אַז היינט נישט, ווייל** **'זיי'** [הנכרים] **שרייבן אויך נישט** [למנין שנות המלכות, וממילא] **איז נישטאָ קיין** [טעם פון] **שְׁלוֹם מַלְכוּת ביי דעם, דאָס גייט נישט אָן, ווייל זיי אַליין שרייבן אויך נישט די שטרות לְמַלְכוּתָם, אפילו ביי די גּוֹיִם אויך נישט.**

**נאָר דעמאָלטס** [בימי חכמי המשנה] **איז אַזוי געווען,** [אַז] **ביי די מְלוּכוֹת איז געווען איינגעפירט אַז מ'האָט געשריבן אַלע שטרות לְמַלְכוּתוֹ.**

קכז

ונמצא דבאופן חשבון מנין השנים שהיו מונין בני ישראל, מצינו שהיו ד' מנינים.

א] לבריאת העולם, ב] ליציאת מצרים, ג] לבנין הבית, ד] ולחורבן הבית.

**אָבער אַזוי** [בכלליות בענין] **מִנְיָנִים, געפון מיר** [ד' מנינים, פון די] **'אידישע' מִנְיָנִים וואָס מ'האָט געציילט די יאָרן.**

קכח

א] **קודם דאָס ערשטע איז דאָך געווען לבריאת העולם, 'פאַר' אַלעמען** [קודם ליציאת מצרים].

קכט

ב] **און דערנאָכדעם געפון מיר אין פסוק ליציאת מצרים,** [ואפילו] **ביי שלמה המלך שטייט**[כא] **וַיְהִי בִשְׁמוֹנִים שָׁנָה** [וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה] **ליציאת מצרים.**

**הגם די גמרא זאָגט דאָך אין ראש השנה**[כב] **אַז ס'איז** [פאַר] **אַ היקש, מה יציאת מצרים מניסן, אף מלכות** [שלמה] **מניסן,** [ובא ללמד דבעת שמונין 'למלכי ישראל', מתחילין מנין השנה מן ניסן. אָבער] **על כל פנים דער פסוק זאָגט דאָך אַזוי,** [אַז] **איך צייל די יאָרן פון יציאת מצרים** [אף לאחר שנכנסו לארץ].

---

[יט] **בתוספות גיטין** (פ:): זו דברי רבי מאיר אבל חכמים אומרים הולד כשר.- פירש בקונטרס דאשלום מלכות קאי, וקשה לרבינו תם וכו'. ○ **ומה שאנו כותבין לבריאת עולם, משום דהשתא ליכא שלום מלכות בכך,** שאפילו עכו"ם אינם מונין לשנות מלכים, אבל בימי חכמים היו רגילין למנות לשנות מלכים, כדאמרינן בגט פשוט (בבא בתרא קסד:) מנהגה של אומה זו מָלַךְ שנה מונין לו שתים, פירוש שהיו כותבין כן בשטרותיהן לכבוד המלך, לומר מָלַךְ הרבה. **והרב ר' יוסף** פירש דעכשיו אין המלכות מקפדת, ולהכי לא כתבינן לשנות מלכים. תדע דהא רבי מאיר מודה דכתבו לשם איסטנדרא כשר, משום דאין מלכות מקפדת. ○ **ורבינו תם** מפרש דלאו אשלום מלכות קאי זו דברי רבי מאיר, אלא אהיה במזרח וכתב במערב, אבל לשום מלכות אחרת מותר לגרש בו לכתחילה לרבנן וכו', וכל שכן השתא שמותר לכתוב לבריאת עולם, דלא זילא בהו מילתא כלל, דלא מתקנאים בזה, וקיי"ל כחכמים, ואע"ג דסתם לן תנא כר' מאיר וכו'.

[כ] **ברא"ש** (שם פ"ח סימן ט): אמר רב הונא אמר רב זו דברי רבי מאיר אבל חכמים אומרים הולד כשר וכו'. פירש רש"י דהך מילתא דרב אשלום מלכות קאי וכו', וכן משמע מתוך דברי **רב אלפס** ז"ל וכו', והלכתא כרב באיסורי. ○ **ורבינו תם** פירש דמילתא דרב אכתב במזרח והיה במערב קאי, ולא פליגי בשלום מלכות, וכן מוכח מדקאמר ומודים חכמים לר' מאיר שאם שינה שמו ושמה ושם עירו ושם עירה, משום דדמיא להיה במזרח וכתב במערב. ○ **ורבינו חננאל** כתב דהלכה כר' מאיר בהיה במזרח וכתב במערב, מדחזינן לרב ורב הונא דחיישי להכי, משמע דאיהו מפרש מילתיה דרב אשלום מלכות. ומה שפסק כרבי מאיר משום דרב הונא ורב חיישי להכי, אין נראה לי ראיה, דגם רבנן מודו דלכתחלה איכא למיחש, אבל אין ראיה משם דהוולד ממזר וכל הדרכים האלו בה. ○ **ולענין שלום מלכות אין נפקותא האידנא בפסק זה, דדווקא בימיהם שהיו עכו"ם מונין בשטרות לשנות המלכים** כדאמרינן בפרק גט פשוט וכו', תקנו שגם הישראל יעשה כן משום שלום מלכות, **אבל האידנא לא קפדי, וליכא שלום מלכות. ונהגו למנות לבריאת עולם.**

[כא] **במלכים א'** (ו, א). ולשון הפסוק מובא להלן בדברי הגמרא ראש השנה.

[כב] **בגמרא ראש השנה** (ב:): אמר רבי יוחנן, מנין למלכים שאין מונין להם אלא מניסן, שנאמר (מלכים שם) וַיְהִי בִשְׁמוֹנִים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית בְּחֹדֶשׁ זִו [פירש"י: הוא אייר], הוּא הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי לִמְלֹךְ שְׁלֹמֹה עַל יִשְׂרָאֵל, [וַיִּבֶן הַבַּיִת לַה']. **מקיש מלכות שלמה ליציאת מצרים** [לענין מנין השנים], מה יציאת מצרים [מנין השנים שמונין לה מתחילין] **מניסן, אף מלכות שלמה מניסן** [ועיי"ש עוד].

קל

ג] דערנאָכדעם איז געווען **לְבִנְיָנָהּ**, שטייט אין די משנה[כז] ביי די שְׁטָרוֹת[כג] אַז מ׳האָט געשריבן לבנין בית המקדש.

ד] אָדער **לְחוּרְבָּנוֹ**, [וואָס דאָס] איז [נאָר] פאַרדעם פסול [אצל הגט], ווייל די תקנה איז געווען אַז מ׳זאָל שרייבן **למלכים**.

זעט דאָך אויס אַז ס׳איז געווען אַזאַ מנהג [לכתוב בשאר שטרות **לבנין הבית, או לחורבנו**].

קלא

און דער **רמב״ם** זאָגט דאָך אויך אַזוי.

טאַקע דער **רמב״ם** זאָגט אויך אַזוי[כד], אַז דאָרטן וואו דער מִנְהָג איז אַז מ׳שרייבט **לְבִנְיָנוֹ** אָדער **לְחוּרְבָּנוֹ**, [איז טאָמער] אַז מ׳האָט אַזוי געשריבן אין **אַ גט**, איז דער גט נישט פָּסוּל, ווייל דאָרט איז אַזוי דער מִנְהָג.

קלב

על כל פנים ברענגט ער אויך אַז ס׳איז געווען מִנְהָגִים [שונים בכך], ס׳איז נאָך געווען בזמן הרמב״ם זעט אויס. ס׳איז נאָך געווען מִנְהָגִים וואָס מ׳האָט געשריבן **לְבִנְיָנוֹ**, און ס׳איז געווען מִנְהָגִים וואָס מ׳האָט געשריבן **לְחוּרְבָּנוֹ**.

קלג

על כל פנים געפון מיר אין די מנינים וואָס אידן ציילן די יאָרן, אַז דאָס יאָר הייבט זיך אָן, געפון מיר **פיר** [ערליי מנינים]:

א] אַ מנין **לבריאת העולם**, [וואָס] אַזוי איז דאָך היינט נוהג אויכעט[כה], וויבאַלד ס׳איז נישטאָ דער שְׁלוֹם מַלְכוּת, און מ׳וויל נישט ציילן **לְבִנְיָנָהּ**, **וּלְחוּרְבָּנָהּ** בעוונינו הרבים [איז דאָך אויך] מַאי דְּהָוָה הֲוָה, [און] מ׳וויל נישט מַזְכִּיר זיין [לשם כך], איז געבליבן אַז די מִנְיָנִים גייען אַלע **לבריאת העולם**.

ב] און ס׳איז געווען צייטן וואָס מ׳האָט געשריבן **ליציאת מצרים**.

ג] און דערנאָך האָט מען געשריבן **לְבִנְיָנָהּ**.

ד] און דערנאָך **לְחוּרְבָּנָהּ**.

איז געווען **פיר** מִסְפָּרִים, וואָס מ׳געפינט אין די **גמרא** און אין די **פוסקים**, וואָס אידן האָבן געהאַט, ׳וואו׳ **דאָס יאָר** האָט זיך אָנגעהויבן.

[אלא שבמשך הדורות, שוב חזרו למנין הראשון, להיות מונין לבריאת העולם, וכמו שאנו מונין עתה זה כמה מאות שנים].

קלד

ולעתיד לאחר הגאולה שלימה, בודאי יתחילו להיות מונין חשבון השנים מזמן ׳הגאולה׳, ונמצא שאז יהיה מנין ׳חמישי׳. וכבר ביארתי בזה מה שאומרים לְשָׁנָה ׳הַבָּאָה׳ בִּירוּשָׁלַיִם, אף שמצפין להושע תיכף, כי בכל אופן יהא נעשה מנין אחרת בחשבון מספרי השנים, ואף באמצע השנה

[אמנם לעתיד לבא יהיה עוד מנין חמישי, שיהא מונין **לבנין בית השלישי**].

---

[כג] דממונות וכדומה. אלא דבגיטין הוא פסול לרבי מאיר.

[כד] **ברמב״ם** (גירושין א, כז): וכן תקנו שיהו מונין בגיטין **למלכות אותו הזמן**, משום שלום מלכות. כתב לשם מלכות שאינה מלכות אותה המדינה, **או לבנין הבית או לחרבן הבית, אם דרך אנשי אותו מקום למנות בו, הרי זה כשר** ואם אין דרכן למנות בו, הרי זה פסול. וכבר נהגו כל ישראל למנות בגיטין **או ליצירה**, או למלכות אלכסנדרוס מקדון שהוא **מנין שטרות** [שהיה נהוג בימי הראשונים]. ואם כתב **לשם מלכות אותו זמן**, במדינה שיש בה רשות אותה מלכות, הרי זה כשר. [ ועיין גם בהגהות מיימוני שם, ובטור וב״י באה״ע (סוף סימן קכז)].

[כה] כמבואר בדברי התוספות והרמב״ם דלעיל (וע״ע בתוספות ראש השנה דף ב. ד״ה למלכים). ועיין **בישמח משה** (הפטרת במדבר) מה שביאר טעם לזה, **ובדברי יואל לשבועות** (אות עו) מה שביאר עוד רבינו בזה.

[ווי] **איך פלעג צו זאָגן**[כו] [לבאר] **פאַרוואָס מ'זאָגט**[כז] **לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם.** [דלכאורה] **פאַרוואָס לְשָׁנָה 'הַבָּאָה', פאַרוואָס נישט פריער. פאַרוואָס נישט תיכף, בְּיָמִים קְרוֹבִים.**

**האָב איך געזאָגט, ווייל ס'איז נישט פאַרהאַנדן** [שלא יתהווה אַז שנה אחרת, שהרי] **מ'זעט דאָך אַז ווען מ'האָט געבויעט דאָס בית המקדש האָט מען געציילט לְבִנְיָנָהּ. און דערנאָך לְחוּרְבָּנָהּ, און** [בעפאָר דעם] **יְצִיאַת מִצְרַיִם.**

[און] **לעתיד אַז ס'וועט זיין די גְאוּלָה, דאָס איז דאָך מער פון אַלדינגס. ס'איז מער פון בריאת העולם אויך, דעמאָלטס וועט זיין דער תכלית פון בריאת העולם וועט דעמאָלטס נתגלה ווערן.** [און] **ס'איז מער פון בנין בית המקדש,** [וכדכתיב] (חגי ב, ט) **גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הָאַחֲרוֹן** [מִן הָרִאשׁוֹן. והזכרת] **יְצִיאַת מִצְרַיִם וועט דאָך זיין אַ טָפֵל** [להזכרת גאולה העתידה][כח].

**דאָס איז דאָך די גרעסטע זאַך וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, די העכסטע זאַך וועט זיין ווען ס'וועט זיין די גאולה עתידה, ס'וועט זיין די גאולה שלימה, וועט זיך אַוודאי אָנהייבן דער מנין לְבִנְיָנָהּ** [של בית השלישי].

**ממילא וועט זיין, אפילו ווען ס'זאָל זיין** [די גְאוּלָה אין] **מאָרגענ'דיגן טאָג, וועט עס אויך זיין אַן אַנדער יאָר**[כט], [ווייל] **מ'וועט דאָך אָנהייבן צו ציילן דאָס יאָר אויף דעמאָלטס,** [קומט אויס] **וועט עס זיין אייביג** [בכל אופן] **לְשָׁנָה הַבָּאָה, ווייל ס'וועט זיין אַן אַנדער יאָר. ס'איז גאָרנישט פאַרהאַנדן** [להיות] **אַנדערש.**

קלה

**יהיה איך שיהיה** [בזמן הגאולה העתידה] **דאָס איז דאָס פינפטע יאָר** [כלשון הכתוב 'בַשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית', והכוונה על] **דער פינפטער מנין פון וועלכען יאָר מ'וועט אָנהייבן צו ציילן.**

קלו

וזה שרומז הכתוב בפרשת ערלה בתיבת 'בַשָּׁנָה', דרומז על חשבון ספירת השנים, שמקודם יהיו ד' חשבונות, וּבַשָּׁנָה 'הַחֲמִישִׁית' תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיָהּ, היינו בזמן הגאולה, שאז יהיה אופן החמישי של ספירת השנים

**דאָס קען זיין דאָס זענען די פיר** [מאָל] **'בַשָּׁנָה'** [הנזכרים בפרשת ערלה].

**איבערדעם זאָגט ער שָׁלֹשׁ 'שָׁנִים' יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים, די אַלע מנינים** [של חשבון השנים], **וּבָרְבִיעִית**[ל], **וואָס מ'וועט ציילן די אַלע פיר, אַלע מנינים פון די שנים.**

**'וּבַשָּׁנָה' הַחֲמִישִׁית, דאָס וועט זיין שנה החמישית, דער פיפנטער מִנְיָן לְשָׁנָה וועט זיך אָנהייבן ווען ס'וועט זיין די גְאוּלָה הָעֲתִידָה.**

---

[כו] עיין זה באורך **בדברי יואל כי תבוא** (עמוד קנד, ותניינא עמוד שלג). **ועיין כיוצא בזה בהגדת מהר"י ט"ב** (אות כא) בביאור נוסח ההגדה (ד"ה הא לחמא) 'לְשָׁנָה הַבָּאָה' בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל וכו', 'לְשָׁנָה הַבָּאָה' בְּנֵי חוֹרִין.

[כז] בסוף הסדר בליל פסח, ובנעילת החג.

[כח] כמבואר **בגמרא ברכות** (יב.): תניא אמר להם בן זומא לחכמים, וכי מזכירין יציאת מצרים לימות המשיח, והלא כבר נאמר (ירמי' טז, יד) הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם ה' וְלֹא יֹאמְרוּ עוֹד חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, כִּי אִם חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה וַאֲשֶׁר הֵבִיא אֶת זֶרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפוֹנָה וּמִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדַּחְתִּים שָׁם (כג, ח). אמרו לו, לא שתעקר יציאת מצרים ממקומה, **אלא שתהא שעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל לו.**

[כט] וכענין המבואר **בגמרא ראש השנה** (ב.) לענין חשבון המנין לשנות המלכים.

[ל] יִהְיֶה כָּל פִּרְיוֹ קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַה', שיהיו מונין לבריאת העולם שהוא מורה על כח האמונה בה', וכמו שהאריך רבינו בזה **בדברי יואל לשבועות** (אות עו) בביאור הטעם מה שהנהיגו הראשונים בדורות אלו לחשוב לבריאת העולם. [כן י"ל בדרך אפשר, כי רבינו קיצר כאן מאוד בזה].

KolSatmar.com

קלז

קאָן זיין ליגט דאָס אויך [מרומז] דאָ אין דעם פָּסוּק, אין לשון [׳בַּשָּׁנָה׳].

נאָר ס׳איז נישט קיין נפקא מינה [לענין ביאור המדרש פליאה שבאור חדש, שהתחלנו לבארו. רק לענין ביאור המדרש ילקוט במשלי].

קלח

**המשך וסיום הקדמה א לישוב קושיא יז (באופן שני)**

ונחזור לעניננו, דשנות ערלה ורבעי רומזים על הד׳ גליות כמבואר במדרש. ולדרכינו זה מה שנאמר וּבַשָּׁנָה ׳הָרְבִיעִת׳ יִהְיֶה כָּל פִּרְיוֹ קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַה׳, זה רומז על בשורת הגאולה שתהיה בסוף גלות הרביעי, על ידי אליהו הנביא

**יהיה איך שיהיה, דער מדרש דַרְשֶׁ׳נט אַזוי, אַז דאָס גייט אַרויף אויף די גָלוּת׳ער.**

קלט

**און אין דעם גלות הרביעי וועט זיין קֹדֶשׁ הִלּוּלִים, [ווייל] דעמאָלטס וועט זיין וועט מען הערן די בְּשׂוֹרָה טוֹבָה (וכדלעיל באות לא), [ווען] אֵלִיָּהוּ וועט זיין דער קוֹל מְבַשֵּׂר וְאוֹמֵר.**

**[ווי] די גמרא זאָגט[לא] [אַז] אַ טאָג פריער, איידער ביאת המשיח, מוז קומען קודם אליהו [צו] מְבַשֵּׂר זיין [די גְאוּלָה, און] דאָס וועט נאָך זיין ׳אין׳ גלות הרביעית.**

**און דערנאָכדעם וועט זיך אָנהייבן, נאָך דעם גלות הרביעית וועט זיין שָׁנָה הַחֲמִישִׁית, [וואָס] דעמאָלטס וועט זיין תֹּאכְלוּ אֶת פִּרְיוֹ, וועט זיין די רעכטע גְאוּלָה. דעמאָלטס האָט מען צו האָפן אויף אַ גְאוּלָה.**

קמ

**יהיה איך שיהיה, אַזוי זאָגט דער מדרש.** [דבפרשה זו נרמזו הד׳ גליות, והגאולה].

קמא

**הקדמה ב לישוב קושיא יז (באופן שני)**

והנה אמרו חכז״ל דהגליות מתכנשות בזכות לימוד התורה ומשניות, שנאמר גַּם כִּי ׳יִתְנוּ׳ בַגּוֹיִם אֲקַבְּצֵם

**[והנה] די גמרא זאָגט, - אַ מאמר חכמינו ז״ל איז עס, אין די גמרא[לב] צי אין מדרש[לג], - אֵין הגליות מתכנשות אלא בזכות תְּנוּיֵי[לד]** [פי׳ לימוד התורה], **שנאמר** (הושע ח, י) **גַּם כִּי ׳יִתְנוּ׳ בַגּוֹיִם אֲקַבְּצֵם.**

**אין תנא דבי אליהו[לה] שטייט עפּעס אויך אַזאַ מאָדע, אַז מָשִׁיחַ וועט קומען מתוך**

---

[לא] **בגמרא עירובין** (דף מג): בעי רב חנניא, יש תחומין למעלה מעשרה, או אין תחומין למעלה מעשרה וכו׳. תא שמע הריני נזיר ביום שבן דוד בא, מותר לשתות יין בשבתות ובימים טובים [פירש״י: דודאי לא אתי משיח האידנא], ואסור לשתות יין כל ימות החול [דילמא אתי]. אי אמרת בשלמא יש תחומין, היינו דבשבתות ובימים טובים מותר, אלא אי אמרת אין תחומין, בשבתות ובימים טובים אמאי מותר. שאני התם **דאמר קרא** (מלאכי ג, כג) **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וגו׳** [לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה׳, לפני ביאת בן דוד יבא אליהו לבשר], **והא לא אתא אליהו מאתמול**. אי הכי בחול כל יומא ויומא נמי לישתרי, דהא לא אתא אליהו מאתמול, אלא אמרינן לבית דין הגדול אתא, הכא נמי לימא לבית דין הגדול אתא. כבר מובטח להן לישראל שאין אליהו בא לא בערבי שבתות ולא בערבי ימים טובים, מפני הטורח [שמניחין צרכי שבת והולכין להקביל פניו].

[לב] **בגמרא בבא בתרא** (ח.): **גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם אֲקַבְּצֵם** וְיָחֵלּוּ מְּעָט מִמַּשָּׂא מֶלֶךְ שָׂרִים (הושע ח, י). **אמר עולא, פסוק זה בלשון ארמית נאמר** [פירש״י: יִתְנוּ תרגום של יִשְׁנוּ, כמו וְשִׁנַּנְתָּם (ואתחנן ו, ז) וּתְתַנֵּינוּן], **אי תָּנוּ כולהו** [וכן רוּבָּן, יהיו שונין ועוסקים בתורה כשיגלו בעמים], **עַתָּה אֲקַבְּצֵם** [בקרוב אקבצם], **ואם מעט מהם** [וְיָחֵלּוּ ׳מְּעָט׳ וגו׳, ואף אם מועטין הן השונין בעמים], **יָחֵלּוּ מִמַּשָּׂא מֶלֶךְ וְשָׂרִים** [יהיו בטלים מלשאת משא מלך ושרים. יָחֵלּוּ, כמו לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ (מטות ל, ג)].

[לג] **בויקרא רבה** (ז, ג) **ובפסיקתא רבתי** (פרשה טז): **רב הונא אמר, אין כל הגליות הללו מתכנסות אלא בזכות משניות, מה טעמא, גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם אֲקַבְּצֵם.**

[לד] תרגום של לימוד, ובפרט לימוד ׳המשנה׳ נקרא כן, עיין **בגמרא ברכות** (כ.) **ותענית** (כד.), ועוד.

[לה] **בתנא דבי אליהו** (זוטא, פרק יד): **אין ישראל נגאלין לא מתוך הצער ולא מתוך השעבוד, ולא מתוך הטלטול ולא מתוך הטירוף, ולא מתוך הדוחק ולא מתוך שאין להם מזונות, אלא מתוך עשרה בני אדם שהן יושבין זה**

**עֲשָׂרָה שלומדים משניות, וְקוֹלָן נִשְׁמַע.**

קמב

והרי כי לימוד התורה בודאי סגולתה לקרב את הגאולה. אלא שצריך עוד להיות הדור ראוי לכך, שלא יגרום החטא לעכבו

**לִימּוּד הַתּוֹרָה איז אַמאָל**[לו] **מְקָרֵב די גְּאוּלָה, דאָס איז אַמאָל געוויס**[לז]**.**

**נאָר מ'דאַרף רָאוּי זיין** [עוד, שלא יגרום החטא לעכבו. שהרי] **ס'איז פאַרהאַנדן בעונינו הרבים אַז דער עָוֹן איז גוֹרֵם, ס'איז גוֹרֵם הַחֵטְא**[לח]**.**

**אָבער על כל פנים דער לִימּוּד הַתּוֹרָה** [היא מקרבת את הגאולה, ווי] **דער מדרש זאָגט דאָך ס'איז אֵין מתכנשות אלא בזכות תְּנוּיֵי.** [ומה שעדיין לא נושענו, הוא רק ווייל] **דער חֵטְא האָט גוֹרֵם געווען.**

קמג

**הקדמה ג לישוב קושיא יז (באופן שני)**

בספר אבן יחייא כתב דנראה לו דזמן שנות הגאולה יהיה בתוך ג׳ מאות שנים האחרונים של אלף הששי, וכתב שם דאין לשאול למה נשאר רק מעט שנים באלף ששי לשנות המשיח, לפי שעיקר שכרן של ישראל הוא בעולם העליון, והגדולות וטובות שיזכו לעתיד לבא גם בעולם הזה, הוא רק עבור שסבלו בעולם הזה בזמן הגלות, ולמען יראו כל העולם ויושבי תבל גודל מעלתן של ישראל, ועד כמה נסכלו הם מקודם בהרעותם לבני ישראל

[והנה] **ס'שטייט אין אבן יחייא**[לט]**, - אבן יחייא איז אַ הויעך ספר**[מ]**, ס'איז שוין אַן ערך פון פיר הונדערט יאָר זייט ער איז געווען, - שרייבט ער דאָרטן פון די גְּאוּלָה,**

---

**אצל זה, ויהיה כל אחד מהם קורא ושונה עם חבירו וקולם נשמע,** שנאמר (עובדיה א, יז) וּבְהַר צִיּוֹן תִּהְיֶה פְלֵיטָה וְהָיָה קֹדֶשׁ. ○ וכן מצינו באבותינו הראשונים שלא נגאלו ממצרים **אלא מתוך דברי תורה,** אע״פ שלא הגיעו עדיין לארבעים יום של קבלת התורה, ולא באו עדיין לידי אותה השעה, אלא עשו תורה כל ימיהם, לכך נאמר בהם (וארא ו, ה-ו) וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי, לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה׳ וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם וגו׳. ○ וכמו שנגאלו ישראל ממצרים בזכות שהיו פרים ורבים, כמו כן יגאלו לעתיד בזכות שהן פרים ורבים. ומנין לך, תדע לך שהוא כן, שאין ישראל נגאלין אלא אם כן הם פרים ורבים ויהיו מלא כל העולם, שנאמר (ישעי׳ נד, ג) כִּי יָמִין וּשְׂמֹאול תִּפְרֹצִי וְזַרְעֵךְ גּוֹיִם יִירָשׁ וְעָרִים נְשַׁמּוֹת יוֹשִׁיבוּ.

וכן איתא עוד שם (רבה, פרק ה): דבר אחר מְקִימִי מֵעָפָר דָּל וגו׳ לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים וגו׳ (תהלים קיג, ז-ח), לימות בן דוד. כיצד, אדם שעבר עבירות הרבה ונקנסה עליו מיתה עד ד׳ דורות, שנאמר (תשא לד, ז) פֹּקֵד עֲוֹן אָבֹת וגו׳, **וחזר ועשה תשובה וקרא תורה נביאים וכתובים, ושנה משנה מדרש הלכות ואגדות ושימש חכמים,** אפילו נגזרו עליו ק׳ גזירות הקב״ה מעבירן ממנו, **ויקבץ אותו עם שאר הצדיקים לימות בן דוד,** שנאמר **גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם אֲקַבְּצֵם,** אל תקרי כִּי ׳יִתְנוּ׳, אלא כִּי ׳יִשְׁנוּ׳.

[לו] פירוש: אַמאָל זיכער, בכל אופן.

[לז] ועיין בזה **באור החיים הק׳** (ריש פרשת תצוה) **בשם הזוהר חדש.**

[לח] וכלשון הגמרא אלא ׳שגרם החטא׳, המובא לעיל בסוף אות קיח.

[לט] **בספר אבן יחייא על נ״ך** [לרבי יוסף ב״ר דוד מגזע היחס למשפחת ׳בן יחייא׳ הספרדיים, מעיר ליסבונא שבמלכות פורטיגאל (עיין שם בהקדמתו, קרוב לתחלתו), נפטר לערך שנת רצ״ט, ופירושיו נדפסו בבולנייא שנת ר״צ (או רח״צ), ואח״כ בתנ״ך קהלות משה (אמשטרדאם שנת תפ״ז) עם שאר מפרשים] **בפירושו לספר דניאל** (ח, יג-יד) בפסוק **וָאֶשְׁמְעָה אֶחָד קָדוֹשׁ מְדַבֵּר וגו׳ עַד מָתַי הֶחָזוֹן וגו׳, וַיֹּאמֶר אֵלַי עַד עֶרֶב בֹּקֶר אַלְפַּיִם וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְנִצְדַּק קֹדֶשׁ,** כתב שם וז״ל: **ושאלת דניאל פֹּה** למלאך המדבר, על ידיעת קץ הגלות וחורבן הבית, לא היה על הצרה הפרטית מאנטיוכוס, כי ממנה ניצלו על ידי החשמונאים אחרי ימים מעטים, שלא יפול על זמן כזה האמירה (שם, כו) וְאַתָּה סְתֹם הֶחָזוֹן כִּי לְיָמִים רַבִּים. רק על ידיעת הקץ האחרון, כי שם יתמו ואז ימותו כל צרות ישראל, ולא ישובו עוד לחטוא ולקבל עונש, **והוא בזמן ביאת המשיח.** ואז ענהו המלאך כי יתמיד מעת החזון ההיא עד הָעֶרֶב והלילה מֵהַבֹּקֶר והיום, מֵאַלְפַּיִם וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת שנה, שאז נִצְדַּק קֹדֶשׁ לעד ולעולם. ○ והנה משנברא העולם עד שקם כורש הפרסי, שלשת אלפים ושצ״א שנים, שאז בימים ההם ומעט קודם, בימי בלשצאר ודריוש, ראה דניאל החזיונות האלה. **באופן כי בסוף החמשת אלפים ושבע מאות שנה לבריאת העולם, בקירוב, אם מעט קודם או מעט אחר כך, יבוא קיצנו בעזרת ה׳,** למען יוכלו לשבת בני ישראל בטח על אדמתם כשלש מאות שנה מהאלף הששי, למען יתראה לעין כל היות הָאֻמָּה אִתָּם, ויהנו בגוף ונפש מן העולם הזה, תחת אשר נענשו בעול גלות האומות בגוף ונפש. ויהיו המאות שלשה, להיות כי בסך ההוא יפול החזקה, ויאומת הדבר היותו בלתי מקריי בהתמידו הסך ההוא. ואחר כך **באלף השביעי** יהפוך העולם לתהו כאשר בתחלה (עי׳ סנהדרין צב: צז.), כי שית שנין הוי עלמא

KolSatmar.com

אין **דניאל** (פרק ט), אויף **תנ״ך** איז דאָ [א פירוש אבן יחייא], **שמועסט ער** [דאָרט] **פון די גְאוּלָה, זאָגט ער דאָס איז בְסוֹד,** דאָס ווייסט קיינער נישט. אפילו איינער ווערט עפּעס געוואָר, איז עס אויך נישט קראַנט.

נאָר אף על פי כן - זאָגט ער - איז נראה בעיני, זאָגט ער עפּעס אַזוי, גיט ער אַ חשבון, [אַז] די גאולה ברויך צו זיין אַזוי אין די **לעצטע דריי הונדערט יאָר פונעם אלף הששי,** דאָס הייסט פון [שנת] **ת״ש,** [און] ער זאָגט **אוֹ קְצַת מִלְפָנָיו, אוֹ קְצַת מִלְאַחֲרָיו,** אַזוי זאָגט ער.

- בעוונותינו הרבים, פון דעם איז אויך שוין אַדורך **זיבן און צוואָנציג יאָר,** פון די [לעצטע] **דריי הונדערט יאָר**[מא]. -

מאַכט ער אַ חשבון עַל פִּי סוֹד, [אַז] אַזויפיל ברויך צו זיין [ימות המשיח, לערך ג׳ מאות שנים מאלף הששי].

קמד

זאָגט ער אַזוי: **וְאֵין לְהָאֲשִׁים הָעֶלְיוֹן,** פאַרוואָס מ׳גיט אַזוי ווייניג **שְׁנוּיָא דְמָשִׁיחַ.**

זאָגט ער, ווייל דער אֱמֶת, דער עיקר שְׂכַר פאַר אידן איז דאָך **בְעוֹלָם הַבָּא,** [פאַר] אידן גיהער **עוֹלָם הַבָּא,** דאָרט איז עס. נאָר אַזויפיל לאָזט מען איבער, די דריי הונדערט יאָר, דעם ערך פון די דריי הונדערט יאָר, [בכדי] צו ווייזן פאַר די אומות [גם בעולם הזה, את גדולתן של ישראל]. **וואָרן** אַז נישט וועלן ׳זיי׳ דאָך גאָרנישט וויסן, [ווייל אין] **עוֹלָם הַבָּא** זעען זיי נישט וואָס ס׳טוט זיך, [ואון] מ׳ברויך האָבן מ׳זאָל ווייזן פאַר די אומוֹת אויכעט דעם **כְּבוֹד שָׁמַיִם,** מ׳זאָל ווייזן פאַר אומוֹת דאָס גרויסקייט פון אידן, און דעם **שְׂכַר פון אידן,** [איבערדעם] לאָזט מען איבער דעם ביסל **שְׁנוּיָא דְמָשִׁיחַ** [גם בעולם הזה], אַז די אומוֹת זאָלן זען ׳וואָס׳ ס׳איז געבליבן פאַר אידן. דאָס איז דאָס גאַנצע [טעם]. אַזוי זאָגט ער.

פירט ער אויס, אָבער דאָס איז דער אֱמֶת, פאַרדעם האָט מען געלאָזט אַזוי ווייניג.

קמה

ובאמת במגלה עמוקות ושאר ספרים, איתא עוד תירוץ, כי באמת יתארכו אז הימים מאוד, ועל אף שמעט נשאר בשנים, יתארכו הימים ושנים לזמן מרובה, ועל זה רומז הכתוב שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ

עקסטערדעם, - דאָס זאָגט ער שוין נישט [באבן יחייא], - ס׳שטייט דאָך אַז ס׳וועט **נִתְאַרְכוּ הַיָּמִים** זיין, [ואלו המעט שנים] דעס וועט זיין זייער אַסאַך, [שיומשך זמן הרבה יותר].

---

וחד חרוב (שם), והוא שנת השמיטה מהאלפים. ○ ואין להאשים העליון על אורך הגלות בעולם הזה, ועל קוצר טוּב הגאולה אחר תחיית המתים, יען כי העולם הלז ההווה ונפסד, הוא מן העובדי אלילים הנפסדים, והעולם הנצחי הוא מישראל, אשר להם הנפשות אלקיות הנצחיות, ואם ישראל נענשו בעול הגלות, אפילו הריקים שבהם יהנו בטוב הגן עדן הגופני והעולם הבא הרוחני, ואותו הטוב הגופני מהעולם הזה אשר ינתן להם בסוף אלף הששי, הוא לאות ומופת שהם בני עלייה, ויראו כל העולם ויושבי תבל סכלותם מקדם, ומעלת ישראל, וישערו מטובם הגופני [את] הטוב הרוחני אשר יירשו בני הגלות אחר המות, ולנצח נצחים. וכן לתת שכרו גם כן לגוף החומרי, אשר קבל עונש בגלות.

[מ] היינו בעומק המחשבה, ובדרך הסוד.

[מא] ועיין בסוף ס״ג **נשא תשכ״ז** (לשון קדשו אות קכז, בכרך החדש) וז״ל שם: ס׳איז שוין באַלד ׳סוֹף׳ שוין פונעם אלף הששי. [ווי] **איך האָב נאָכגעזאָגט** (בדרוש דכאן) וואָס דער **אֶבֶן יְחִיָיא** זאָגט, אַז די **לעצטע דריי הונדערט יאָר** [של האלף הששי] האָט מען געגעבן פאַר אידן יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ, עפּעס [שנים קרוב לזה] אָדער פריער אָדער דערנאָך. בעוונינו הרבים, ס׳איז שוין דורכגעגאַנגען זיבן און צוואָנציג יאָר, פון די **לעצטע דריי הונדערט יאָר. אוֹי ווילאַנג נאָך, ווילאַנג נאָך?!**

KolSatmar.com

וויִ דער **מגלה עמוקות** זאָגט[מב], [וַיְהִי] **מִקֵּץ** וועט זיין **שְׁנָתַיִם יָמִים** (מקץ מא, א), **אַ טאָג וועט זיין אַזוי גרויס ווי אַ יאָר.**

ס׳וועט טאַקע נאָר זיין אַזויפיל טעג, אָבער ס׳וועט נתארך ווערן דער הִלּוּךְ הַמַּזָּלוֹת, [אַז] יעדער טאָג וועט זיין [ארוך כשנה].

איך האָב שוין אַן אַנדערס מאָל[מג] גערעדט פון דעם [מגלה עמוקות. און] אַזוי זאָגן זיי דאָך אַלע, די אַלע פריערדיגע זאָגן דאָך דאָס[מד], אויפן [פסוק] **שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ** (תהלים צ, טו).

קמו

אבל על כל פנים יוצא לנו מדברי האבן יחייא, דענין אריכות הגלות עד קרוב סוף אלף הששי, הוא מטעם דעיקר השכר הוא בעולם הבא למעלה, ולא בעולם הזה

על כל פנים יהיה איך שיהיה, אַזוי זאָגט.

גיט ער אַ שטעל אַראָפּ, [אַז] על כל פנים ס׳בלייבט אַזוי וויניג [יאָרן], פאַרדעם, ווייל **דער עיקר שְׂכָרָן פאַר אידן איז נאָר בָּעוֹלָם הַבָּא.**

קמז

**ישוב קושיא יז (באופן שני)**

ובכל זה נבוא לדברי המדרש שבאור חדש. דשאלת המין היה כך, אַנְתְּ מָארֵי דְּמַתְנִיתִין, ואם כן אתה יודע גודל כח התורה המסוגל לקיבוץ הגליות, ובפרט בלימוד המשנה, וכמו שנאמר גַּם כִּי ׳יִתְנוּ׳ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם. ואם כן אֵימָא לִי טַעֲמָא דְּעָרְלָה, וכוונתו על הדרש שבמדרש שדרשו שאין לצפות על הגאולה בג׳ גליות ראשונים, עד סוף הגלות הרביעי. וכוונת השאלה לשאול למה באמת נתארך הגלות כל כך, ולא נגאלו עדיין בזכות עסק התורה

דאָס קאָן זיין נאָך אַ פְּשַׁט [בביאור דברי המדרש פליאה שבאור חדש].

דער מין האָט געפרעגט רבי מאיר׳ן, ער האָט געוואוסט פון דעם **דְּרַשׁ** [הנזכר במדרש, אַז] די **עָרְלָה** ווייזט אויף דעם, **שָׁלֹשׁ שָׁנִים**, אַז די [ערשטע דריי] **גָלוּת׳ער זענען לֹא יֵאָכֵל**, מ׳קען נישט האָפן [דעמאָלטס] אויף די **גְאוּלָה**. אין די אַלע דריי **גָלוּת׳ער** קען מען נישט האָפן אויף קיין **גְאוּלָה**. אַזוי זאָגט דאָך דער **מדרש**, [אַז] דאָס ווייזט דער **שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה עֲרֵלִים.**

[וממילא] דער מין האָט געפרעגט רבי מאיר, **אַנְתְּ הוּא ׳מָארֵי דְּמַתְנִיתִין׳**, דו ווייסט דאָך דעם **כֹּחַ הַתּוֹרָה** [בכלל, ובלימוד המשנה בפרט, וואָס] ס׳שטייט דאָך [דערויף] **גַּם כִּי ׳יִתְנוּ׳ בַגּוֹיִם** [עַתָּה] **אֲקַבְּצֵם**, [אַז] **בזכות תְּנוּיֵי** דאַרף זיין **די גְאוּלָה**. [און] דו ביסט דאָך דער **מָארֵי דְּמַתְנִיתִין**, ווייסטו דאָך ׳וואָס׳ דאָס איז. [ואם כן] **זאָג׳זשע מיר דעם טַעַם פון עָרְלָה**, [וואָס] די **עָרְלָה** ווייזט אַז אין די אַלע **גָלוּת׳ער** [הראשונים] קאָן מען נישט

[מב] **במגלה עמוקות** (ריש פרשת מקץ): **וַיְהִי מִקֵּץ**, כשיבא קץ הימין, אזי יהיה **שְׁנָתַיִם יָמִים**, רצה לומר עד תום שנה תמימה יהיה ימים גאולתו. והוא על דרך (תהלים צ, טו) **שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה**, רצה לומר או [אולי צ״ל נגד] רעה שראינו שנות [אולי צ״ל בשנות הגלות] שמחנו בימות לעתיד לבא. [וכוונת הכתוב] לתרץ קושיא, **הלא אנחנו בגלות זמן רב, ואם יבא משיח ואין לנו לסוף** [בתוך] **שית אלפי** [שנין דקאי] **עלמא רק זמן קצר. אבל יקוים** (ישעי׳ נד, ב) **הַרְחִיבִי מְקוֹם אָהֳלֵךְ, כמו שיתפשט המקום, כן יתארך הגלגל ויהיה יום אחד כמו שנה. זהו שנאמר** (שם סג, ד) **כִּי ׳יוֹם׳ נָקָם בְּלִבִּי ׳וּשְׁנַת׳ גְּאוּלַי בָּאָה, רצה לומר יום אחד יהיה שנה. וכן הוא אומר** (מיכה ז, טז) **כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, שנתן הקב״ה למרגלים יום לשנה, כן אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת לעתיד לבא, שיהיה מיום אחד שנה. לכן אמר בכאן ויהי ׳מקץ׳ ולא אמר ׳מסוף׳, כי לשון קץ סוף הוא, אבל רָמַז על לעתיד לבא.**

[מג] **בליל ב׳ דסוכות תשכ״ז** (נדפס בדברי יואל לסוכות אות נה, ד״ה ועתה). **וכן הזכיר רבינו זה בכמה מקומות, ומהם בליל ב׳ דסוכות תשי״ב** (נדפס שם אות נב), **ובליל שמחת תורה תש״כ** (נדפס בדברי יואל לשמח״ת אות לד). **ועיין גם בדברי יואל לשמיני עצרת** (אות י) **ובפרשת תזריע** (עמוד שכג-שכד), **ועוד.**

[מד] **וכן הובא גם ברב ייבי עה״ת ריש פרשת מקץ, ובישמח משה שם, ובייטב לב פרשת בהר** (עה״פ אחרי נמכר) **עיי״ש באורך.**

KolSatmar.com

**האָפּן אויף קיין גְאוּלָה, און פאַרוואָס איז דאָס אַזוינס, פאַרוואָס טאַקע דאַרף דאָס אַזוי לאַנג דויערן.**

קמח

ואם תאמר לתרץ כדברי האבן יחייא, לפי שעיקר קיבול השכר הוא בעולם העליון ולא בעולם הזה, על זה שוב שאל מרבי מאיר דאם כן **אֵימָא לִי בְּשָׁעָה דְקַבֵּילְתֶּן אוֹרַיְיתָא אַמַּאי לָא בְּעִיתוּ שְׂכַרְכֶן לְעוֹלָם הַבָּא**, שבפשטי הכתובים לא נזכר להדיא רק שכר של עולם הזה, ולא שכר העולם הבא

**איי וועסטו מיר וועלן זאָגן - אַזוי ווי דער אבן יחייא זאָגט - ווייל דער עיקר איז עוֹלָם הַבָּא. נו איך זעה גאָרנישט אַז מ׳האָט געזאָלט אַמאָל שמועסן** [בנגלות התורה] **פון עוֹלָם הַבָּא**[מה]. [וזה ששאל] **וואָס עפּעס ישראל דקבילו אורייתא, אמאי לא בעיתו בשכרכם בְּעוֹלָם הַבָּא, עטס האָט גאָרנישט געבעטן קיין שְׂכַר בְּעוֹלָם הַבָּא.**

**נו מילא זעה איך דאָך זענט עטס דאָך אַליין אויך נישט אינגאַנצן ביי דער מיינונג** [אַז] **בלויז עוֹלָם הַבָּא, ווילט עטס דאָך אויך עוֹלָם הַזֶה, דאָס אַליין.**

**נו איז דאָך אַ קַשְׁיָא, אַז ס׳איז נאָך עוֹלָם הַזֶה, נו פאַרוואָס** [בלייבט] **אַזוי ווייניג** [יאָרן, עבור ימות המשיח], **פאַרוואָס האָט מען אין די אַלע יאָרן** [נישט זוכה געווען לגאולה]. **׳דאָס׳ האָט דער מין געפרעגט.**

קמט

ובוודאי שיש לשאלה זו תירוץ, אמנם באור חדש לא הביא גם התירוץ. ואולי גם במדרש עצמו העלימוהו בכוונה

**ס׳איז אָבער אויך נאָר אַ שאלת המין, און דער תֵּירוּץ שטייט נישט,** [דאָס] **ברענגט נישט דער מדרש. צי האָט מען דאָס** [בכוונה] **מַעֲלִים געווען, מ׳האָט עס נישט געשריבן** [גם בהמדרש, לפי שהם דברים שבסוד. או שגם רבי מאיר לא השיב לו, וכדלהלן].

[אדער נאָר אז] **ער ברענגט נישט מער, דער אור חדש ברענגט נישט מער, ער ברענגט נישט קיין תֵּירוּץ.**

קנ

ואפשר דבאמת לא רצה רבי מאיר להשיב להמין על שאלתו, וכדרך שאמרו חכז״ל דלאפיקורוס ישראל אסור להשיב לו, דכל שכן דפקר טפי

**מסתמא, ס׳האָט דאָך אַודאי אַ תֵּירוּץ, אַז ער האָט געפרעגט אַ קַשְׁיָא.**

**נאָר אַז אַ מין פרעגט, אפשר דאַרף מען נישט ענטפערן.**

**ער איז אפשר געווען אַ מין ישראל וואָס מ׳דאַרף אים נישט צו ענטפערן,** [וכמו שאמרו בגמרא[מו] על מאמר המשנה] **ודע מה שתשיב לאפיקורוס,** [לא שנו אלא אפיקורוס עכו״ם, אבל אפיקורוס ישראל] **כל שכן דפקר טפי.**

**מ׳דאַרף ניטאַמאָל טַעֲנֶה׳ן מיט אים.**

קנא

או שבאמת השיב לו רבי מאיר, רק שהאור חדש לא הביא סיום דברי המדרש

**אָדער אפשר יאָ, ער האָט אים** [יאָ] **געענטפערט**[מז] [עפּעס א תירוץ], **נאָר ער ברענגט**

---

[מה] ועיין בכלי יקר ריש בחקותי (כו, יב) מה שהאריך בזה בשם הקדמונים, בכמה טעמים. וכבר האריך בזה בחובת הלבבות (שער הבטחון פ״ד), ועוד בכמה ספרים קדמונים.

[מו] **בגמרא סנהדרין** (לח:): תנן התם (אבות ב, יד), רבי אליעזר אומר הוי שָׁקוּד [פירש״י: מהיר וזריז] **ללמוד תורה, ודע מה שתשיב לאפיקורוס** [כדי שתדע להשיב לאפיקורוס הבא להביא ראיה מן התורה לדברי המינים]. אמר רבי יוחנן לא שנו אלא אפיקורוס עכו״ם, **אבל אפיקורוס ישראל כל שכן דפקר טפי** [שהרי הכיר וכפר, ומתוך כך מדקדק, ולא תוכל להשיבו דבר המקובל לון].

[מז] כי אפשר שהיה אפיקורוס עכו״ם, ולא אפיקורוס ישראל.

KolSatmar.com

**עס נישט** [באור חדש]**. ער ברענגט שוין נישט מער** [בהמשך המדרש פליאה]**, ער ברענגט נאָר דעס וואָס ס׳איז שווער.**

**קאָן זיין** [ווייל] **דער תֵּירוּץ** [במדרש] **איז גוט געווען** [שהיה שפיר מובן, ולכן] **האָט ער נישט וואָס** [עס] **צו ברענגען. ער ברענגט נאָר** [באור חדש] **וואָס ס׳איז האַרב, וואָס מ׳ברויך צו פאַרענטפערן** [להבין הקישור של הב׳ שאלות אלו שלכאורה אינם שייכים זה לזה]**.**

קנב

ועל כל פנים בלשון השאלות הנמצא לפנינו בספר אור חדש, שפיר מצאנו ביאורו לדרכינו על פי האמור

**על כל פנים ׳דאָס׳ ברענגט ער** [חלק השאלות]**.**

**און מיט דעם** [לדרכינו האמור] **קאָן מען זאָגן פְּשַׁט אין דעם מאמר** [בביאור ב׳ השאלות]**, וואָס** [ס׳איז שווער געווען] **אין ׳די׳ סדרה, אין דעם שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים וואָס מ׳האָב מיר דאָ געשמועסט.**

קנג

# ישוב הקושיות בפסוק מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם

הקדמה א לישוב קושיא יח-יט

הגאולה העתידה תהיה בזכותו וכחו של אברהם אבינו, ושאר האבות הק׳

[און אין] **דער סוֹף וועט זיין, די גְאוּלָה הָעֲתִידָה** [וועט זיין] **בְּכֹחַ פון אַבְרָהָם אָבִינוּ, וואָס איז דער ערשטער כֹּחַ.**

קנד

וכמבואר בתנא דבי אליהו, דלעתיד יורידו האומות לגיהנם, ויתייראו ישראל מזה, ויאמרו להקב״ה אֲנַחְנוּ עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ יִשְׂרָאֵל, ואומר להם מִי מֵעִיד עֲלֵיכֶם, ואומרים אָבִינוּ אַבְרָהָם יעיד עלינו. מיד קורא הקב״ה לאברהם ואומר לו מֵעִיד אַתָּה עֲלֵיהֶן שהן עַמִּי ואני אֱלֹקֵיהֶן, ויאמר לפניו רבונו של עולם לא כך אמרת לי וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי

[ווי] **ס׳שטייט אין תנא דבי אליהו, אין אליהו זוטא פרק כ״א**[מח]**, לעתיד, דער בורא כל עולמים וועט מוריד זיין די אומות העולם לגיהנם,** [און ווען] **אידן וועלן** [עס]

---

[מח] **בתנא דבי אליהו** זוטא (פרק כא)**: באותה שעה מביא הקב״ה את אליהו ובן דוד צדקנו, וצלוחית של שמן המשחה ומקלו של אהרן בידיהם, ונקבצין כל ישראל בפניהם, והשכינה לפניהם, והנביאים מאחריהם, והתורה מימינם, ומלאכי השרת משמאלם, ומוליכין אותם אל עמק יהושפט, ונקבצים כל העמים שם, שנאמר** (יואל ד, ב-ג) **וְקִבַּצְתִּי אֶת כָּל הַגּוֹיִם וְהוֹרַדְתִּים אֶל עֵמֶק יְהוֹשָׁפָט וְנִשְׁפַּטְתִּי עִמָּם שָׁם עַל עַמִּי וְנַחֲלָתִי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר פִּזְּרוּ בַגּוֹיִם וְאֶת אַרְצִי חִלֵּקוּ, וְאֶל עַמִּי יַדּוּ גוֹרָל וַיִּתְּנוּ הַיֶּלֶד בַּזּוֹנָה וְהַיַּלְדָּה מָכְרוּ בַיַּיִן וַיִּשְׁתּוּ.**

באותה שעה מביא הקב״ה את אליליהם של עכו״ם ונותן בהם רוח ונשמה, ואומר הקב״ה יעברו כל אומה ואומה היא ופסל שלה על הגשר של גיהנם, ואז יעברו כולם, וכיון שמגיעין על תוכה יהיה הגשר לפניהם כמו חוט ונופלין לתוך הגיהנם האלילים ועובדיהם. וכיון שמגיעין לתוך הגיהנם הם ופסיליהם ורואין ישראל את כל העכו״ם ופסיליהם בתוך הגיהנם, מיד מתייראין ישראל ואומרים לפני הקב״ה, רבונו של עולם שמא כשם שעשית עם אלו כך תעשה עמנו, ואומר להם הקב״ה מי אתם, ואומרים לפניו אֲנַחְנוּ עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ יִשְׂרָאֵל, ואומר להם הקב״ה מִי מֵעִיד עֲלֵיכֶם, ואומרים ישראל להקב״ה אָבִינוּ אַבְרָהָם יעיד עלינו. מיד קורא הקב״ה לאברהם ואומר לו מֵעִיד אַתָּה עֲלֵיהֶן שהן עַמִּי ואני אֱלֹקֵיהֶן, ויאמר לפניו רבונו של עולם לא כך אמרת לי וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי. ○ ועוד אומר להם הקב״ה מי מעיד עוד יותר עליכם, ואמרו לפניו אָבִינוּ יִצְחָק יעיד עלינו, מיד קורא ליצחק וכו׳ ואומר לפניו רבונו של עולם לא כך אמרת לי (תולדות כו, ג) כִּי לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת כָּל הָאֲרָצֹת הָאֵל. ועוד אומר להם הקב״ה מי ומי מעיד עוד יותר עליכם, ואמרו לפניו יַעֲקֹב אָבִינוּ יעיד עלינו, מיד קורא ליעקב וכו׳ ואומר לפניו רבונו של עולם לא אמרת להם (יתרו כ, ב) לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי, והם אמרו לפניך בכל יום שני פעמים שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד. ○ באותה שעה עובר הקב״ה לפניהם וישראל עמו אחריו, שנאמר (מיכה ב, יג) וַיַּעֲבֹר מַלְכָּם לִפְנֵיהֶם וַה׳ בְּרֹאשָׁם.

באותה שעה מביא הקב״ה את התורה ומניחה בחיקו ומבהיק זיוון של ישראל מסוף העולם ועד סופו, ואומר לו גבריאל לפני הקב״ה, רבונו של עולם אם הוא רצונך יבואו כל העכו״ם ויראו בטובתן של ישראל, ואומר לו הקב״ה גבריאל לא יבואו לראות, כי כן אמר ישעיה הנביא (כו, יא) ה׳ רָמָה יָדְךָ בַּל יֶחֱזָיוּן. ואמר

KolSatmar.com

זען, וועלן אידן טַעֲנֶה'ן, [וועלן] אידן זאָגן וואָס וועט זיין מיט אונז, וועט מען אונז אויך נישט חלילה אַהין וואַרפן?

**וועט דער בורא כל עולמים פרעגן: ווער זענט עטס.**

**וועלן זיי זאָגן: אֲנַחְנוּ עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ.**

**און דער בורא כל עולמים וועט זאָגן - אַזוי זאָגט ער, אַ פֶּלֶא, אין תנא דבי אליהו - מִי מֵעִיד בָּכֶם, ווער זאָגט אויף ענק עֵדוּת.**

**וועלן זיי זאָגן: אַבְרָהָם אָבִינוּ.**

**וועט מען רופן אברהם אבינו'ן, וועט אברהם אבינו זאָגן: אֱמֶת, הֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתֶךָ, ולא [כך] אמרת לי וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי** (לך טו, יד).

**אַזוי שטייט אין תנא דבי אליהו.**

קנה

ומה שמביא הפסוק וְגַם הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ, מפרש בזקוקין דנורא דהכוונה על מה שדרש בתיבת 'וְגַם', לרבות ד' מלכיות. ונמצא דמפסוק זה מוכח, שבני ישראל יהיה להם קיום, וינצלו מכל הד' מלכיות

**זאָגט דער זקוקין פְּשַׁט[מט], וויאַזוי איז [דאָס] געדרינגען פון וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי. וואָס האָט ער דאָ געברענגט דעם פסוק.**

---

גבריאל לפניו, רבונו של עולם לא כמו שאמר ישעיהו אלא יבואו ויראו ויבושו, שנאמר (שם) יֶחֱזוּ וְיֵבֹשׁוּ קִנְאַת עָם אַף אֵשׁ צָרֶיךָ תֹאכְלֵם. ואף כנסת ישראל אמרה לפני הקב"ה, רבונו של עולם יבואו ויראו ויבושו, שנאמר (מיכה ז, י) וְתֵרֶא אֹיַבְתִּי וּתְכַסֶּהָ בוּשָׁה. באותה שעה פותחת גיהנם את פיה ויוצאין כל העובדי כוכבים ומזלות ממנה ורואין בטובתן של ישראל, ונופלין על פניהם ואומרים כמה נאה אדון, וכמה נאה אומה זו שהקב"ה אוהב אותם ביותר, שנאמר (תהלים קמד, טז) אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה' אֱלֹקָיו. ויאמרו העכו"ם לפני הקב"ה, רבונו של עולם מה נשתנה אומה זו מכל העכו"ם שאהבת אותם ביותר, ואומר להם הקב"ה, שוטים שבעולם, אתם ידעתם אותי והנחתם אותי והשתחויתם לעבודת אלילים שלכם ולא בטחתם בי, אבל ישראל קידשו את שמי ב' פעמים בכל יום תמיד ובטחו בי, לכן אני נותן להם שכר טוב. ○ מיד מתביישין כל העכו"ם ושבין לתוך הגיהנם שנאמר (שם ט, יח) יָשׁוּבוּ רְשָׁעִים לִשְׁאוֹלָה כָּל גּוֹיִם שְׁכֵחֵי אֱלֹקִים, והקב"ה והצדיקים ילכו לגן עדן, ומשתחוים הצדיקים להקב"ה ויושבים הצדיקים שם בגן עדן והקב"ה יהא יושב בראש הצדיקים, ומביא הקב"ה אותו האור שהיה גנוז לצדיקים ומוסיף על אורן ג' מאות וארבעים [נ"י: וחמשה] וג' פעמים. ואמרו ישראל לפני הקב"ה, רבונו של עולם לזה האור היינו מצפים, שנאמר (תהלים מב, ג) צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹקִים לְקֵל חָי מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹקִים. ואומר להם הקב"ה, עכשיו ראיתם גם כן פני. ואומרים ישראל לפני הקב"ה, כיון שעכשיו אתה מאיר לנו באורך, אם כן חשך זה מה הוא, ואומר להם הקב"ה החשך הזה יכסה לבני עמלק ועכו"ם [נ"י: ולבני ישמעאל], שנאמר (ישעי' ס, ב) כִּי הִנֵּה הַחֹשֶׁךְ יְכַסֶּה אֶרֶץ וַעֲרָפֶל לְאֻמִּים וְעָלַיִךְ יִזְרַח ה' וּכְבוֹדוֹ עָלַיִךְ יֵרָאֶה. וכן אתה מוצא בגאולת מצרים שהיו ישראל נתונים באורה והמצריים באפלה וכו'. ○ ואח"כ יאמר הקב"ה לישראל, בָּנַי עכשיו בואו וקבלו ממני כוס של תנחומין וכו'.

[מט] בזקוקין דנורא על התנדב"א (שם, אות כד): ומ"ש וכו' לא אמרתי לי וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי. ואם תאמר היאך מוכח מזה הפסוק שישראל הם דוקא עמו של הקב"ה והוא אלקיהם. ויש לומר מאחר שהוא גלוי וידוע ומפורסם בראיות עד אין מספר שזרע של אברהם הם עמו של הקב"ה והקב"ה הוא אלקיהם, ומאחר דכתיב גבי זרע אברהם וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי, ופירשו רש"י ז"ל ורבותינו ז"ל, וְגַם אֶת הַגּוֹי לרבות ד' מלכיות עכו"ם, שאף הן כלין על ששעבדו את ישראל וכו', עיין שם. ומאחר שלא מצינו שום אומה שבכל האומות שהיו משועבדים בכל הארבעה מלכיות עכו"ם ולא כפרו בהקב"ה, רק העם בני ישראל, אם כן מזה מוכח שבני ישראל הם זרע אברהם, אותו זרע אברהם שנאמר עליהם וְגַם אֶת הַגּוֹי וגו' לרבות ארבעה מלכיות וכו'. ○ ומאחר שמוכח שהם דוקא הם עמו של הקב"ה והקב"ה אלקיהם, [מוכח מזה כין] אבל בני ישמעאל אינם עמו של הקב"ה, אע"פ שהם הן ג"כ זרע אברהם, לפי שלא נאמר על בני ישמעאל כי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ וגו' וְגַם אֶת הַגּוֹי וגו' לרבות ארבעה מלכיות עכו"ם, שהרי הם לא היו משועברים לא במצרים ארבע מאות שנה ולא בארבעה מלכיות, א"כ מוכח מכאן שבני ישמעאל אינם נקראים זרע אברהם, וכמו שאמר הכתוב (בראשית כא, יב) כִּי 'בְיִצְחָק' יִקָּרֵא לְךָ זָרַע, ולא ישמעאל בן הגר, ולא י"ב בני קטורה, ואין צריך לומר שאין שום אומה מכל שאר העכו"ם הם עמו של הקב"ה, לפי שאינם מזרע אברהם, אע"פ שאברהם נקרא אַב הֲמוֹן גּוֹיִם (בראשית יז, ה), וגם בני ישמעאל אינם בכלל זרע כמאמרם ז"ל (נדרים לא.) בְּיִצְחָק ולא כל יצחק, ועוד כי בני ישמעאל אינם משועבדים בארבעה מלכיות עכו"ם, ודו"ק.

KolSatmar.com

זאָגט ער [באופן] פשוט, [ווייל] **חכמינו ז"ל זאָגן דאָך**[נ], [און] **רש"י זאָגט דאָך אויך אַזוי**[נא], **וואָס איז דער 'וְגַם' הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ, אלו ד' מלכיות.**

**אַלע ד' מלכיות, די וואָס זיי האָבן מְשַׁעְבֵּד געווען בְּיִשְׂרָאֵל, וועט מען דַן זיין.**

**זעט מען דאָך אין דעם פסוק אַז דער בורא כל עולמים האָט צוגעזאָגט פאַר אברהם אבינו, ער האָט אים צוגעזאָגט אַז מ'וועט דַן זיין אַלע אַרְבַּע מַלְכֻיוֹת'ער, מוז דאָך זיין אַז אידן** [שהם נשתעבדו בכל הד' מלכיות] **וועלן ניצול ווערן** [מכולם, און] **אַז ס'וועט בלייבן עַמְּךָ וְנַחֲלָתֶךָ,** [כי הם הן זרעו של אברהם, ולא שום אומה אחרת].

קנו

**וואָרן די זעלבע וואָס מ'האָט געטון אין מִצְרַיִם, וועט מען דאָך טון מיט די אַלע מַלְכֻיוֹת'ער, גאָר ביז צום מלכות הרביעית, טאַקע דאָ אין שנה הרביעית.**

קנז

**ביאור הפסוק: וְדוֹר רְבִיעִי יָשׁוּבוּ הֵנָּה**

במפרשים נדחקו לפרש כוונת ענין דור רְבִיעִי, ורש"י מפרש דקאי על כָּלֵב בן יפונה שהיה מבאי הארץ

**איך האָב געקלערט** [אַז] **אפשר דער פְּשַׁט איז** [על דרך הנזכר, גם בפסוק] **וְדוֹר 'רְבִיעִי' יָשׁוּבוּ הֵנָּה** (לך שם, טז), **פלאָגט מען זיך**[נב] **וואָס איז דער דוֹר רְבִיעִי, מאַכט מען דעם חשבון**[נג] **פון דוֹר רְבִיעִי, דעם חשבון פון כָּלֵב'ן** [שהיה] **פון די יוצאי מצרים** [והיה גם מבאי הארץ].

[אבל בפשטות אינו מובן] **וואָס הייסט דור רביעי.**

קנח

ולפי המובא לעיל, יש לפרש דהכוונה על הגאולה העתידה, כנרמז בפסוק הקודם לזה, 'וְגַם' אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ, לרבות ד' מלכיות. ופירוש הכתוב הוא על הדור האחרון שבסוף 'גלות הרביעי', שהם יזכו לשוב לארץ ישראל בגאולה העתידה

**האָב איך געזאָגט** [לדרכינו, כי] **אפשר קאָן זיין איז מְרוּמָּז אין דעם,** [ווייל] **דער בורא כל עולמים האָט דאָך אים צוגעזאָגט אַלעס אויף שפּעטער** [עד הגאולה העתידה, ומה שאמר 'דור רביעי' הכוונה כי] **ער מיינט דאָס פערטע גלות, דעס דוֹר רְבִיעִי דאָס איז דעם דוֹר וואָס זיי וועלן מיטמאַכן מַלְכוּת הָרְבִיעִית, אַזוי ווי** [ס'איז] **די לעצטע דוֹרוֹת בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים.**

**דאָס איז דוֹר רְבִיעִי,** [דער דור] **וואָס מ'מאַכט מיט מַלְכוּת הָרְבִיעִי, וועט זיין יָשׁוּבוּ הֵנָּה, וועט דער בורא כל עולמים** [זיי] **העלפן.**

קנט

**המשך הקדמה לישוב קושיא יח**

ועל כל פנים הצלת ישראל וקיומם בגלות, וכן ישועתן בגאולה העתידה, הוא בכוחו וזכותו של אברהם אבינו, וכהובטח אליו

**ממילא** [היוצא לנו מזה, כי] **אין דער הַבְטָחָה** [פון] **וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי**

---

[נ] **בבראשית רבה** (מד, יט): **וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי. היה לומר 'גם', מאי 'וגם', אלא 'גם' הוא מצרים, 'וגם' לרבות ארבעה גליות.**

[נא] **ברש"י לך** (טו, יד): **וְגַם אֶת הַגּוֹי. 'וגם' לרבות ד' מלכיות, שאף הם כָּלִים על ששיעבדו את ישראל.**

[נב] ברש"י ובאבן עזרא ורד"ק ורמב"ן שם, ועוד.

[נג] כמבואר ברש"י שם: ודור רביעי. לאחר שיגלו למצרים יהיו שם ג' דורות, והרביעי ישובו לארץ הזאת. לפי שבארץ כנען היה מְדַבֵּר עמו וכרת ברית זה, כדכתיב (לך שם, ז) לָתֶת לְךָ אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ, וכן היה, יעקב ירד למצרים, צא וחשוב דורותיו, יהודה, ופרץ, וחצרון, וכלב בן חצרון מבאי הארץ היה.

KolSatmar.com

[וגו' וְדוֹר רְבִיעִי יָשׁוּבוּ הֵנָּה], **זעט מען אַז אידן וועלן בלייבן,** [זיי] **וועלן נִיצוֹל ווערן** [מתחת יד כל הד' מלכיות. און] **דער סוֹף וועט זיין** [כִּי הֵם] **עַמְּךָ וְנַחֲלָתֶךָ,** [וכח הצלתם יהיה] **מיט אַבְרָהָם אָבִינוּ.**

קס

וכן מצינו עוד במדרשים, שדרשו הפסוק וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים, דהיינו בעולם הזה, ולעולם הבא, שהוא לעתיד לבא

[והנה] **אויף** [דעם פסוק] **וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים** (חיי כד, א) **איז דאָך אויך דאָ דְרָשׁוֹת חכמינו ז"ל אין מדרשים**[נד]**, "בַּיָּמִים" מיינט מען שְׁתֵּי יָמִים** [דהוא נוטריקון ב' ימים, או לפי שהוא לשון רבים. והכוונה] **בְּעוֹלָם הַזֶּה, און עוֹלָם הַבָּא, לעתיד.** [דער] **יוֹם אֶחָד פון יום, פון לעתיד,** [ולזה נאמר בָּא] **בַּיָּמִים אין די טעג וואָס ס'וועט זיין לֹא יוֹם וְלֹא לָיְלָה** (זכרי' יד, ז)**, ס'וועט קיינמאָל נישט זיין קיין נאַכט, ס'וועט זיין כולו יום, אַזוי ווי פון לעתיד.**

**בָּא בַּיָּמִים, ער איז געקומען אין די טעג אַריין, ביז לעתיד.**

קסא

[ועכ"פ הצלת ישראל בזמן גאולה העתידה] **דאָס איז דער כֹּחַ פון אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַזוי שטייט דאָרטן אין תנא דבי אליהו.**

קסב

הקדמה ב לישוב קושיא יח-יט

באור החיים הק' מפרש הפסוק מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, דרומז על אברהם אבינו הנרמז בענין הזקנה, וכמו שאמרו במדרש שבו התחיל ענין היכר הַזִּקְנָה, לאחר שהתפלל על זה. ולזה אמר הכתוב מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, כי בזה תקיים וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, שהוא אברהם שנאמר בו וְאַבְרָהָם זָקֵן

**קען זיין** [אַז] **מיט דעם קאָן מען פאַרשטיין** [וואָס] **דער אור החיים הקדוש זאָגט**[נה] [אויף] **מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן.**

**זאָגט דער אור החיים הקדוש, טייטשט ער דעם פסוק, דער ערשטער** [זקן] **איז געוועזן** [אברהם אבינו]**, זִקְנָה האָט זיך אָנגעהויבן ביי אברהם אבינו.** [אַזוי] **שטייט דאָך**[נו] **אַז ביז אַבְרָהָם אָבִינוּ איז נישט געוועזן קיין זִקְנָה,** [און] **ער האָט מִתְפַּלֵּל געוועזן אַז**

---

[נד] **בתנחומא ישן** (חיי שרה סימן ו)**: מהו בָּא בַּיָּמִים, ר' יוחנן אמר בוילון של העולם הזה, ור' אליעזר אמר בעולם הזה ובעולם הבא, לכך נאמר בָּא 'בַּיָּמִים'. אמר לו לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת וגו', התנה לו מה שבעולם הזה ומה שבעולם הבא, לכך נאמר בא בימים.**

**ועיין בתנא דבי אליהו** (פרק ה)**: יְחַיֵּנוּ מִיֹּמָיִם** (הושע ו, ב) **זה העולם הזה, וִימוֹת בן דוד. בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יְקִמֵנוּ וְנִחְיֶה לְפָנָיו** (שם)**, זה העולם הבא. מקצת חיים שלא בצער ושלא ביצר הרע אל הצדיקים בעולם הזה מעין עולם הבא, ואלו הן אברהם יצחק ויעקב, יעבץ, ויתרו, וכדומה להן. שנאמר וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל, לא בימיו של אברהם הכתוב מדבר, אלא בימים של עולם הבא וִימוֹת בן דוד. - ומפרש בזקוקין דנורא** (שם אות כז, הנדפס במוסגר בפנים)**: ונראה לי דדייק ממה שאמר הכתוב ואברהם זקן בא 'בימים', הכי הוה ליה למימר, ואברהם זקן בא 'בימיו', אלא על כרחך לא קאי על ימיו של אברהם, אלא על אלו שני ימים, אחד ימי בן דוד, ואחד ימי עולם הבא** [שהוא באלף השביעי]**, וק"ל.**

[נה] **באור החיים הק' בפרשתן** (יט, לב)**: מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וכו'. עוד ירמוז, על דרך אומרם ז"ל בבראשית רבה** (מובא להלן) **כי אברהם אבינו ביקש על השיבה כדי שיהיה ניכר האב מהבן וכו', דכתיב** (חיי כד, א) **וְאַבְרָהָם זָקֵן. והוא אומרו מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, ובזה אתה מהדר פני זקן שהוא אברהם, דכתיב וְאַבְרָהָם זָקֵן, שעל ידו היה דבר זה וכו'.**

[נו] **בגמרא סנהדרין** (קז:)**: עד אברהם לא היה זִקְנָה, כל דחזי לאברהם אמר האי יצחק, כל דחזי ליצחק אמר האי אברהם, בעא אברהם רחמי דליהוי ליה זִקְנָה, שנאמר וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים. ○ עד יעקב לא הוה חולשא, בעא רחמי והוה חולשא** [פירש"י: כדי שיהא פנאי לבניו לבא כל אחד ואחד ממקומו להיות עליו בשעת מיתה, שכיון שרואין שנפל למטה יודעין שימות ומתקבצין ובאין]**, שנאמר** (ויחי מח, א) **וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ חֹלֶה. ○ עד אלישע לא הוה איניש חליש דמיתפח** [מתרפא]**, ואתא אלישע ובעא רחמי ואיתפח, שנאמר** (מלכים ב' יג, יד) **וֶאֱלִישָׁע חָלָה וגו'.**

KolSatmar.com

**ס׳זאָל זיין זִקְנָה. [און] אַזוי שטייט דאָך אין מדרש[נז] אויף דעם [פסוק] וְאַבְרָהָם זָקֵן.**

**איבערדעם זאָגט ער מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, זאָלסט [פאַר אַ] חשיבות האַלטן די שֵׂיבָה, [און] מיט דעם וועט זיין וְהָדַרְתָּ פְּנֵי ׳זָקֵן׳ מיינט מען אַבְרָהָם אָבִינוּ, [וואָס אויף אים] שטייט וְאַבְרָהָם זָקֵן.**

**דאָס איז אַ כֹּחַ פאַר אברהם אבינו׳ן, ס׳איז אַ כָּבוֹד פאַר אברהם אבינו׳ן, מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, וואָרן ער האָט דאָך אַראָפּגעברענגט די גאַנצע זקנה ושיבה.**

**אַזוי טייטשט דער אור החיים הקדוש.**

קסג

ועוד מפרש על מה שאמרו דכשצדיק הולך מעולם הזה, אומרים לאברהם אבינו **אשריך אברהם אבינו שצדיק זה יצא מחלציך**. וההיפוך אצל רשע יש לאברהם צער מזה. ולזה נאמר וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, זה **אברהם**, שמתהדר כשאומרים לפניו אשריך שיצא זה מחלציך

**און דערנאָך זאָגט ער נאָך אַ פְּשַׁט[נח], ווייל ס׳שטייט, חכמינו ז״ל זאָגן[נט], אַז אַ צדיק קומט אַרויף [לעולם העליון] זאָגט מען [פאַר] אברהם אבינו׳ן אַשְׁרֶיךָ אַבְרָהָם שיצא זה מחלציך.**

**און חלילה פאַרקערט, איז אַ צַעַר גָדוֹל פאַר אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַז ס׳קומט אַרויף חלילה אַ רָשָׁע, אַז ער איז פון יוצאי חלציו פון אברהם אבינו און חלילה ס׳איז אַזוי ווי ס׳איז בעונותינו הרבים.**

**איבערדעם זאָגט ער, מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, זאָלסט דיך באַרעכנען[ס]** [לשוב בתשובה

[נז] **בבראשית רבה** (סה, ט): אמר רבי יהודה בר סימון, **אברהם תבע זִקְנָה**. אמר לפניו, רבון העולמים, אדם ובנו נכנסין למקום, ואין אדם יודע למי מכבד, מתוך שאתה מעטרו בזקנה אדם יודע למי מכבד. אמר לו הקב״ה, **חייך דבר טוב תבעת, וממך הוא מתחיל**. מתחלת הספר ועד כאן אין כתיב זקנה, **וכיון שעמד אברהם נתן לו זקנה, ואברהם זקן בא בימים**. ○ יצחק תבע יסורין, אמר לפניו, רבון כל העולמים אדם מת בלא יסורים מדת הדין מתוחה כנגדו, מתוך שאתה מביא עליו יסורים אין מדת הדין מתוחה כנגדו, אמר לו הקב״ה חייך דבר טוב תבעת וממך אני מתחיל, מתחלת הספר ועד כאן אין כתיב יסורין, וכיון שעמד יצחק נתן לו יסורים, וַיְהִי כִּי זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ [עֵינָיו מֵרְאֹת] (תולדות כז, א). ○ יעקב תבע את החולי, אמר לפניו רבון העולמים אדם מת בלא חולי ואינו מיישב בין בניו, מתוך שהוא חולה שנים או שלשה ימים הוא מיישב בין בניו, אמר לו הקב״ה חייך דבר טוב תבעת וממך הוא מתחיל, וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ חֹלֶה.

א״ר לוי, **אברהם חידש זקנה**, יצחק חידש יסורים, יעקב חידש חולי, חזקיהו חידש חולי שיתרפא. אמר לו העמדת אותו עד יום מותו, אלא מתוך שאדם חולה ועומד, חולה ועומד, הוא עושה תשובה. א״ל הקב״ה חייך דבר טוב תבעת וממך אני מתחיל, הדא הוא דכתיב (ישעי׳ לח, ט) מִכְתָּב לְחִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה בַּחֲלֹתוֹ וַיְחִי מֵחָלְיוֹ.

[נח] **באור החיים הק׳** (שם): גם רָמַז **למאמרם ז״ל שבשעה שהצדיק הולך מעולם הזה, אומרים לאברהם אבינו אשריך אברהם אבינו שצדיק זה יצא מחלציך**. וכשהולך הרשע, לא די שאין אומרים כן לפניו, אלא שהוא מִצְטַעֵר. לזה מעורר ה׳ להאדם ואומר לו וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, זה אברהם, **שמתהדר כשאומרים לפניו אשריך** וכו׳. ואמר וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ, זו יראת עונש יום הדין. אֲנִי ה׳, זו תשלום שכר טוב של עולם הבא וכו׳.

[נט] וכמו שכתב שם באור החיים הק׳ בשם מאמרם ז״ל. – ועיין קצת קרוב לזה **בגמרא חגיגה** (יד:): מיד **פתח רבי אלעזר בן ערך** במעשה המרכבה ודרש, וירדה אש מן השמים וסיבבה כל האילנות שבשדה, פתחו כולן ואמרו שירה וכו׳. עמד רבן יוחנן בן זכאי ונשקו על ראשו, ואמר **ברוך ה׳ אלקי ישראל שנתן בן לאברהם אבינו** שיודע להבין ולחקור ולדרוש במעשה מרכבה, יש נאה דורש ואין נאה מקיים, נאה מקיים ואין נאה דורש, אתה נאה דורש ונאה מקיים, **אשריך אברהם אבינו שאלעזר בן ערך יצא מחלציך**.

[ס] כדמפרש בזוהר הק׳ בפרשתן (דף פז:) וז״ל: וְתוּ תָּנִינָן, הַאי קְרָא לְדָרְשָׁא הוּא דְּאָתָא, מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם. כְּמָה דְּאִתְעֲרוּ בֵּיהּ חַבְרַיָּיא, מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, אַזְהַר לֵיהּ לְבַר נַשׁ, [לשוב בתשובה] **עַד לָא יִסְתַּלֵּק בְּסֵיבוּתָא דְּיִקּוּם בְּקִיּוּמָא טָבָא בְּעָלְמָא**, בְּגִין דְּדֵין הוּא הִדּוּרָא לֵיהּ. אֲבָל לְסוֹף יוֹמוֹי לֵית שְׁבָחָא לֵיהּ לְבַר נַשׁ כָּל כַּךְ, כַּד אִיהוּ סִיב וְלָא יָכִיל לְמֶהֱוֵי בִּישׁ. אֶלָּא שְׁבָחָא דִּילֵיהּ, כַּד אִיהוּ בְּתוּקְפֵּיהּ, וְאִיהוּ טַב. וּשְׁלֹמֹה מַלְכָּא צָוַוח וְאָמַר (משלי כ, יא) גַּם בְּמַעֲלָלָיו יִתְנַכֶּר נָעַר וְגוֹ׳. כְּגַוְונָא דָּא כְּתִיב (קהלת יב, א) וּזְכוֹר אֶת בּוֹרְאֶיךָ בִּימֵי בְּחוּרוֹתֶיךָ [עַד אֲשֶׁר לֹא יָבֹאוּ יְמֵי הָרָעָה וְהִגִּיעוּ שָׁנִים אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵין לִי בָהֶם חֵפֶץ]. אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, וַדַּאי (הָכִי הוּא) אוֹרְחָא דָּא מִתְקְנָא קַמָּן, וְהַאי אוֹרְחָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא.

KolSatmar.com

טרם שיבואו ימי הזקנה, און אויף דעם] זאָגט ער **וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, אברהם אבינו'ן, ער זאָל נישט האָבן קיין צַעַר.**

**אַזוי שטייט אין אור החיים הקדוש.**

קסד

ויש מקור לפירושו בפסוק זה גם במדרש רבה, שדרשו בפסוק פְּרִי עֵץ 'הָדָר', זה אברהם שהידרו הקב"ה בשיבה טובה, שנאמר וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים, וכתיב וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן

**נאָר די ווערטער פון אור החיים הקדוש איז שטאַרק מרומז, ס'ליגט אין מדרש.**

**דער מדרש זאָגט ביי סוכות** [אויפן פסוק] **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם פְּרִי עֵץ הָדָר** (אמור כג, מ)**, שטייט אין מדרש רבה**[סא]**, פְּרִי עֵץ הָדָר, כנגד אברהם שֶׁהִדְּרוֹ הקדוש ברוך הוא בְּשֵׂיבָה, שנאמר וְאַבְרָהָם זָקֵן, ונאמר וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן.**

**זאָגט דאָך דער מדרש אַרויס אַז הָדָר מיינט מען אַבְרָהָם אָבִינוּ, ווייל ער איז געווען דער ערשטער פון די שֵׂיבָה, און** [ער] **טייטשט דעם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן אַז ס'גייט אַרויף אויף אברהם אבינו'ן.**

**זעט מען דאָרטן אין מדרש אין פרשת אמור אויף דעם פסוק וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר, דאָרט ליגט כמעט אַזוי בבירור די דיבורים פון אור החיים הקדוש ליגט אין דעם מאמר חכמינו ז"ל.**

קסה

**ישוב קושיא יח**

והשתא יובן דברי המדרש פליאה, דכששאל משה על ביאור הפסוק מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, אמר לו הקב"ה קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל, דקאי על הגאולה העתידה. כי בפסוק זה נרמז כחו של **אברהם אבינו**, שבזכותו תהיה תקומת ישראל וגאולתן

**איבערדעם איז רעכט. ממילא קאָן מען פאַרשטיין** [דברי המדרש פליאה שבקדושת יו"ט, שהרי] **די תְּקוּמָה פון אידן לֶעָתִיד, וועט דאָך זיין בכוחו של אברהם אבינו** (וכדלעיל באות קנד)**, און דער מִפְּנֵי שֵׂיבָה גייט דאָך אַרויף אויף אברהם אבינו, אַזוי זאָגט דער מדרש, - דער אור החיים הקדוש, מיטן מדרש, - און דורכדעם איז דאָך אויכעט** [נכלל אַז] **אַבְרָהָם אָבִינוּ וועט מַצִּיל זיין דעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל.**

**ממילא זעט מען דאָך** [אַז] **די תְּקוּמָה פון אידן וואָס זיי וועלן זיך דערהאַלטן, וועט זיין מיטן כח** [פון] **וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, מִפְּנֵי שֵׂיבָה** [תָּקוּם, דהיינו] **דער כח פון אברהם אבינו.**

קסו

**דאָס קען זיין דער פְּשַׁט אין דעם מדרש** [המובא בקדושת יו"ט] **אַז ווען משה רבינו איז געקומען למרום און ער האָט געהערט מ'זאָגט מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, האָט ער**

---

ועוד שם בפרשת פנחס (דף רכז:)**: וּבְגִין דָּא מָנֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְבַר נָשׁ, לְאַהֲדְרָא בְּתִיּוּבְתָּא בְּבַחְרוּתֵיהּ, קוֹדֶם דְּיִזְקִין בֵּיהּ יֵצֶר הָרָע, הדא הוא דכתיב מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, קוֹדֶם שֵׂיבָה דִּילָךְ.**

**ובזוהר חדש** (מדרש הנעלם, דף ז)**: אמר רבי, מאי דכתיב מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, בו הוא מוּסָר ליניקא, כלומר מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, קודם שתעלה לשיבה ולזקנה, תקום להיות טוב. וכאשר תשתדל להיות טוב בבחרותיך, לאחר כן וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן. וסיפא דהאי פסוקא מוכיח עליו שעל זה נאמר, דכתיב וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹקֶיךָ.**

[סא] **בויקרא רבה** (ל, י) **ובפסיקתא דרב כהנא** (ז, ט)**: דבר אחר פְּרִי עֵץ הָדָר, זה אברהם שהידרו הקב"ה בשיבה טובה, שנאמר וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים, וכתיב וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן. כַּפֹּת תְּמָרִים זה יצחק, שהיה כָּפוּת ועקוד על גבי המזבח. וַעֲנַף עֵץ עָבֹת זה יעקב, מה הדס זה רחוש בעלין, כך היה יעקב רחוש בבנים. וְעַרְבֵי נָחַל זה יוסף, מה ערבה זו כמושה לפני ג' מינין הללו, כך מת יוסף לפני אחיו.**

KolSatmar.com

**געזאָגט וואָס איז מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם. האָט אים דער בורא כל עולמים געענטפערט קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל,** [דרומז אומרו מִפְּנֵי שֵׂיבָה] **׳תָּקוּם׳, אַז** [דורך] **דעס וועט זיין תְּקוּמַת יִשְׂרָאֵל,** [בקיום דברי הכתוב] **קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל, דורך דעם כח פון אברהם אבינו.**

[און] **אין מִפְּנֵי שֵׂיבָה ׳תָּקוּם׳ וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן ליגט דאָס טאַקע.**

**דאָס קאָן זיין, דאָס איז דער מְכֻוָּן פון דעם מדרש וואָס ער זאָגט אַז דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל,** [שבפסוק זה נקרא הגאולה בלשון] **קוּם, וואָרן דאָס איז די תְּקוּמָה, ווען ס׳וועט זיין** [די גאולה שלימה].

קסז

הקדמה ג לישוב קושיא יט

**דאָס קאָן זיין איז ׳דער׳ מדרש אויך, אין מדרש תהלים.**

**מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן,** [וואָס] **דוד המלך האָט געזאָגט.**

קסח

מבואר בפוסקים, דבסתמא יש לכל איש ישראל

חֶזְקַת כַּשְׁרוּת, ולכן נאמן לסמוך עליו באיסורין

**לאָמיר׳זשע זען, דער אֱמֶת, יעדער איד האָט אַ חֶזְקַת כַּשְׁרוּת.**

[ווי] **איך האָב פריער געפרעגט**[סב]**, מ׳גייט אַריין** [אין בית המדרש]**, נאָר מ׳האָט מורא** [שמא] **ער איז דאָך נישט תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ.**

[וביארתי כי] **אָבער סְתָם** [אַזוי] **האָט מען אַ חֶזְקַת כַּשְׁרוּת.**

קסט

ומשמע דעת הפוסקים דהוא משום דהעמד דבר על חזקתו הראשונה, שהוא בחזקת כשרות מעת שנולד

[ובענין] **וואָס דער חֶזְקַת כַּשְׁרוּת איז, איז אַ פְּלוּגְתָּא.**

**דער פני יהושע וויל זאָגן**[סג] **ס׳איז אַ חֲזָקָה מחמת רוֹב.**

**און זיי קריגן אויף אים**[סד]**,** [שהרי בפשטות משמע כי] **אַזוי רוב פוסקים זאָגן אַז חֶזְקַת כַּשְׁרוּת איז מן התולדה, פון די לידה,** [והוא החזקה של **הַעֲמֵד דבר על חזקתו** הראשונה].

---

[סב] בחלק הדרוש הנדפס בחלק א׳ של הקונטרס. בביאור שיטת רבן גמליאל דכל תלמיד שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש, אבל החכמים חלקו עליו דכל אחד יש לו חזקת כשרות, וכל מי שעדיין לא נתברר עליו שאין תוכו כברו, שפיר יכנס לבית המדרש.

[סג] **בפני יהושע** (גיטין יז. על התוס׳ ד״ה משום בת אחותו): **ובמה שכתבתי דחזקת כשרות לחוד לא מהני במקום חזקה קמייתא, ולהתוספות דכתובות** (ט. ד״ה ואבע״א) **אפילו תרתי במקום חדא לא מהני, אין להקשות מהא דקיימא לן** (בבא בתרא לא:) **בשני כתי עדים המכחישות זה את זה דכל אחת באה בפני עצמה ומעידה ומוציאין ממון על פיהם, וכתבו התוספות** (שם ד״ה ורב נחמן) **דהא דלא אמרינן מוקמינן ממון אחזקתו, היינו משום דמוקמינן לעדים בחזקת כשרות, אלמא דחזקת כשרות עדיף מחזקת ממון, וכל שכן מחזקת הגוף דגריעא מחזקת ממון כנודע. בזה נראה לי לענ״ד דשאני הכא, דודאי איתרע חזקת כשרות דידה, כיון שבודאי זינתה. ואף בזנות דפנויה איתרע חזקת כשרות, דאיסורא מיהא איכא. ○ וטעם נכון לדבר, דבלאו הכי האי חזקת כשרות מה טיבה, דלמא מבטן אמה לעולם לא היתה בחזקת כשרות, אלא על כרחך משום דאזלינן בתר רובא, ורוב ישראל בחזקת כשרות הן, ורובא עדיף מחזקה. אבל כשזינתה לפנינו, הרי פירשה מן הרוב, דרוב בנות ישראל אינן מזנות אפילו כשהן פנויות, ואם כן תו לא שייך כלל חזקת כשרות, זה נראה לי נכון וברור. ○ והרבה דברים אלה וכאלה יש לי לחדש, כללי כללים ופרטי פרטים, עד שבכל פרט ופרט תקצר היריעה מהכיל, הלא הם כמוסים עמדי חתום באוצרותי לחבר קונטרס הנקרא בשם כלל גדול, לבאר כל דיני רוב וחזקות וספיקות וספק ספיקות בין בממון ובין באיסורים ושאר כללים, ה׳ יזכני להוציא מחשבתי להועיל ולבאר כל חמירא עד גמירא בעזה״י.**

[סד] עיין **בשו״ת נודע ביהודה** (מהדו״ק אה״ע סימן סט), **ובשערי תורה** (כללי חזקה כלל ח, פרט א). **ומביאם רבינו בשו״ת דברי יואל סימן לד** (אות ה-ו). **ועיין שם מה שהאריך עוד רבינו בכל ענין זה, ועיין גם להלן שם בסימן פח** (אות ד), **ובויואל משה** (א, קמח), **ואכמ״ל.**

KolSatmar.com

קע

וענין חזקה זו מבואר בספרים דהוא בירושה מאברהם אבינו, וכמו שהסמיכו זאת בפסוק כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו ׳וְשָׁמְרוּ׳ דֶּרֶךְ ה׳, שהוא לשון הבטחה ועתיד, שכך הוטבע בטבע בני ישראל לשמור דרך ה׳, ולהחזיק בהאמונה, מכוחם של האבות הק׳, והוא ענין ׳אהבה מסותרת׳ המוטבע בלב כל איש ישראל, כל זמן שאינו מקלקלו ח״ו

און אַסאַך זענען עס מַסְמִיךְ[סה] אויף דעם פסוק כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו ׳וְשָׁמְרוּ׳ דֶּרֶךְ ה׳. ס׳שטייט נישט כִּי יְדַעְתִּיו אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו ״לִשְׁמוֹר״, ער וועט זיי אָנזאָגן אויף ׳לִשְׁמוֹר׳. [ולכאורה] וואָס איז דער [לשון] וְשָׁמְרוּ, [נאָר] וְשָׁמְרוּ איז עפּעס ווי אַ [לשון] וַדְאַי [כייעוד והבטחה, דכוחו של אברהם] דאָס ברענגט אַריין אַ כֹּחַ הַשְּׁמִירָה [של דרך ה׳, המוטבע בכל בר ישראל בירושה מאברהם אבינו].

קעא

נאָר חלילה [אויב] מ׳פאַרדאַרבט עס, מ׳קען פאַרדאַרבן, אַ בְּחִירָה האָט מען. חלילה אַז מ׳גייט שלעכטע דְּרָכִים, פאַרדאַרבט מען עס[סו].

קעב

אָבער ווען לוּלֵא זֹאת, [ווען] מ׳זאָל זיך נישט ׳פאַרבייגן׳ [לנטות מן הדרך], ליגט אַמאָל אַ כֹּחַ [המוטבע מאברהם אבינו, שיזכו לשמור את דרך ה׳].

קעג

אַזוי ווי ס׳איז דאָ ׳אֱמוּנָה׳ [בלב כל ישראל, המוטבעת מאברהם אבינו].

מ׳זעט [אַז] אַ כֹּחַ הַשְּׁמִירָה [לדרך ה׳] ליגט אַמאָל [מוטבע מהאבות הק׳, וטמון בלב כל ישראל] אַן אַהֲבָה מְסוּתֶּרֶת, - ווי זיי זאָגן דעם פְּשַׁט, [און] דער **תניא**[סז] שמועסט אַסאַך

---

[סה] ומהם **בבני יששכר** (אדר ג, ב-ג), ועוד. ובכמה דרושים מזכיר רבינו גם ביאור זה הפסוק בשם בעל התניא, אמנם כעת לא מצאנו מקומו בספריו.

[סו] ועיין בזה באורך **בתהלים תפלה למשה** (סב יב, אות ג), והביאו רבינו בכ״מ.

[סז] **בלקוטי אמרים תניא** (פרק יח): **צריך לידע נאמנה, כי אף מי שדעתו קצרה בידיעת ה׳, ואין לו לב להבין בגדולת אין סוף ב״ה, להוליד ממנה דחילו ורחימו אפי׳ במוחו ותבונתו לבד, אף על פי כן קרוב אליו הדבר מאד לשמור ולעשות כל מצות התורה - ותלמוד תורה כנגד כולן - בפיו ובלבבו ממש, מעומקא דלבא באמת לאמיתו בדחילו ורחימו, שהיא אהבה מסותרת שבלב כללות ישראל, שהיא ירושה לנו מאבותינו.** ○ **רק שצריך להקדים ולבאר תחלה באר היטב שורש אהבה זו ועניינה, ואיך היא ירושה לנו, ואיך נכלל בה גם דחילו. והענין כי האבות הן הן המרכבה** (בראשית רבה מז, ו), **ועל כן זכו להמשיך נפש רוח ונשמה לבניהם אחריהם עד עולם מעשר ספירות דקדושה שבארבע עולמות אצילות בריאות יצירה עשיה לכל אחד ואחד כפי מדרגתו וכפי מעשיו, ועל כל פנים אפילו לקל שבקלים ופושעי ישראל נמשך בזיווגם נפש דנפש דמלכות דעשיה, שהיא מדרגה התחתונה שבקדושת העשיה, ואעפ״כ מאחר שהיא מעשר ספירות קדושות, היא כלולה מכולן, גם מחכמה דעשיה, שבתוכה מלובשת חכמה דמלכות דאצילות, שבתוכה חכמה דאצילות, שבה מאיר אור אין סוף ב״ה ממש, כדכתיב** (משלי ג, יט) **ה׳ בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ, וְכֻלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ** (תהלים קד, כד). **ונמצא כי אין סוף ב״ה מלובש בבחינת חכמה שבנפש האדם - יהיה מי שיהיה - מישראל, ובחינת החכמה שבה עם אור א״ס ב״ה המלובש בה, מתפשטת בכל בחינות הנפש כולה להחיותה, מבחינת ראשה עד בחינת רגלה, כדכתיב** (קהלת ז, יב) **הַחָכְמָה תְּחַיֶּה בְעָלֶיהָ וכו׳. הנה החכמה היא מקור השכל וההבנה, והיא למעלה מהבינה שהוא הבנת השכל והשגתו, והחכמה היא למעלה מההבנה וההשגה והיא מקור להן, וזהו לשון חכמה ׳כח מה׳, שהוא מה שאינו מושג ומובן, ואינו נתפס בהשגה עדיין, ולכן מתלבש בה אור א״ס ב״ה דלית מחשבה תפיסא ביה כלל. ולכן כל ישראל אפילו הנשים ועמי הארץ הם מאמינים בה׳, שהאמונה היא למעלה מן הדעת וההשגה, כי פֶּתִי יַאֲמִין לְכָל דָּבָר וְעָרוּם יָבִין וגו׳** (משלי יד, טו), **ולגבי הקב״ה שהוא למעלה מן השכל והדעת ולית מחשבה תפיסא ביה כלל, הכל כפתיים אצלו ית׳, כדכתיב** (תהלים עג, כב-כג) **וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ וַאֲנִי תָמִיד עִמָּךְ וגו׳, כלומר שבזה שאני בער ובהמות, אני תמיד עמך, ולכן אפילו קל שבקלים ופושעי ישראל מוסרים נפשם על קדושת ה׳ על הרוב, וסובלים עינוים קשים שלא לכפור בה׳ אחד, ואף אם הם בורים ועמי הארץ ואין יודעים גדולת ה׳, וגם במעט שיודעים אין מתבוננים כלל, ואין מוסרים נפשם מחמת דעת והתבוננות בה׳ כלל, אלא בלי שום דעת והתבוננות, רק כאילו הוא דבר שאי אפשר כלל לכפור בה׳ אחד, בלי שום טעם וטענה ומענה כלל.**

KolSatmar.com

**פון דעם, - פון די אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, פון אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, ליגט אַמאָל אַהֲבָה מְסוּתֶּרֶת** [להשי"ת] **בְּלֵב כָּל יִשְׂרָאֵל.**

קעד

[ועל כל פנים] **דאָס איז דער כֹּחַ פון אידן, דער חֶזְקַת כַּשְׁרוּת, דער כֹּחַ פון אידן וויאַזוי מ'קאָן זיך דערהאַלטן אין די נִסְיוֹנוֹת, - אין 'דעם' דוֹר הַשָּׁפָל איבערהויפּט, - איז דאָס אַן אַלטער כֹּחַ, פון כֹּחַ הָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים.**

קעה

**ישוב קושיא יט**

וכל זה נרמז בפסוק שאמר דוד המלך מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי, שבגודל ענותנותו תלה את כל צדקותו, שהוא רק בכח הזקנים שהם האבות הק'

**דאָס קאָן זיין האָט דוד המלך געזאָגט, מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי.**

**ער איז געווען ביי זיך צובראָכן, האָט ער אָנגעהאָנגען** [אַז] **אפילו דעס וואָס ער טוט, אַז דאָס איז אַלדינגס נאָר דער כֹּחַ פון אברהם אבינו'ן.**

קעו

וזה שדרשו במדרש שאמר דוד, מן הכבוד שנתת לזקנים, הוא עושה שאצור פקודיך

**האָט ער געזאָגט, אַז דו האָסט מְכַבֵּד געווען די זְקֵנִים, האָסטו געוויזן דעם כֹּחַ פון אַבְרָהָם זָקֵן, וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, מיט דעם האָסטו געוויזן כֹּחוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ.**

**איבערדעם זאָגט ער, דורך דעם כָּבוֹד פון זְקֵנִים, דער כֹּחַ, דורכדעם דאָס האָט מיר געברענגט כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי, האָט ער תּוֹלֶה געווען** [בזכותו של אברהם]**, ער האָט עס נישט תּוֹלֶה געווען אין זיך.** [והגם] **ער אַליין איז דאָך געווען דער מְקוֹר הַקְּדוּשָּׁה, על כל פנים האָט ער דאָ תּוֹלֶה געווען אַז דאָס איז אַלעס דער כֹּחַ פון די זְקֵנִים, פון אברהם אבינו'ן, ער איז געגאַנגען אין דעם 'פריערדיגן' דֶּרֶךְ.**

קעז

ואמר לו הקב"ה עד עכשיו לא ראית כלום, ועדיין יש לך לראות, שנאמר כִּי מָלַךְ ה' בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם, ועל זה מסיים שם וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד, דקאי גם כן על אברהם אבינו

[און] **דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט דו האָסט נאָכנישט געזען ווי ווייט דער כח פון אברהם אבינו'ן גייט, דער כח פון זְקֵנִים, דו האָסט** [דאָס] **נאָכנישט געזען.**

[נאָר] **דו וועסט הערשט זען שפּעטער, ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן און ס'וועט זיין מָלַךְ ה' בְּהַר צִיּוֹן, וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד.**

קעח

וביאור הפסוק הוא כענין שדרשו בבפסוק נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא, דהאבות הק' עמדו שם בשעת יציאת מצרים וקריעת ים סוף. ועל דרך זה אמר כאן על הגאולה העתידה וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד, שהכל יהיה בפניהם, ובכוחם וזכותם

[דהנה] **זיי טייטשן, דער מדרש זאָגט דאָך**[סח] [אויפן פסוק] **נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא** (תהלים עח, יב)**, מ'האָט אַראָפּגעברענגט די אבות הקדושים דעמאָלטס ביי יְצִיאַת מִצְרַיִם,**

---

והיינו משום שה' אחד מאיר ומחיה כל הנפש על ידי התלבשותו בבחינת חכמה שבה שהיא למעלה מן הדעת והשכל המושג ומובן. [ועיין שם עוד מזה גם בשאר פרקים, ואכמ"ל].

[סח] **בבראשית רבה** (צב, ב)**: רבי פנחס בשם ר' הושעיא אמר, נטל הקב"ה רגליו של אבינו יעקב והעמידן על הים, ואמר לו רְאֵה נסים שאני עושה עם בניך, הדא הוא דכתיב** (תהלים קיד, א) **בְּצֵאת 'יִשְׂרָאֵל' מִמִּצְרָיִם, ישראל סבא. רבי הונא בשם ר' אחא אמר, אף רגליהם של אבות העמיד על הים, הדא הוא דכתיב נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא.**

**ועיין ברש"י ואתחנן** (ד, לז)**: וַיּוֹצִאֲךָ בְּפָנָיו כו'. דבר אחר וַיּוֹצִאֲךָ בְּפָנָיו, בפני אבותיו, כמו שנאמר נגד אבותם עשה פלא. ואל תתמה על שהזכירם בלשון יחיד, שהרי כתבם בלשון יחיד, וַיִּבְחַר 'בְּזַרְעוֹ אַחֲרָיו'.**

KolSatmar.com

[און] ביי קְרִיעַת יַם סוּף האָט מען זיי געוויזן, פאַר זייערע אויגן איז געשען די גאַנצע זאַך.

אַזוי וועט זיין לעתיד ׳וְנֶגֶד׳ זְקֵנָיו כָּבוֹד, אַז דאָס וועט זיין כְּנֶגְדָּם, וועט מען זען, זיי וועלן זען דאָס, אַז דער בורא כל עולמים וועט זיין מָלַךְ בְּצִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם, [און] דעמאָלטס וועט מען זען דעם כֹּחַ פון אברהם אבינו׳ן [ווי ווייט ס׳איז].

דעמאָלטס וועסטו הערשט זען. אַצינדערט איז עס נאָך באַהאַלטן, [בבחינת אהבה ׳מסותרת׳.

קעט

ולזה אמר לו הקב״ה דכל מה שהיה עד עתה בכחו של אברהם אבינו,

הוא רק כטיפה מן הים, נגד מה שיראו עוד לעתיד לבא בכוחו ובזכותו הגדול

דעס האָט אים דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים געזאָגט.

דו האָסט נאָכנישט געזען גאָרנישט, וואָרן דו זאָגסט נאָר מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן, [אַז איך האָב געגעבן כָּבוֹד לִזְקֵנִים, איך האָב געגעבן אַ כָּבוֹד [פאַר] דעם וְאַבְרָהָם זָקֵן, [און] אים מְהַדֵר געווען. [אָבער] ס׳איז נאָך געווען מיט אַ געוואַלדיגע הַסְתָּרָה, [און] ׳וויפיל׳ דו האָסט געזען, איז עס נאָך אַ טִפָּה מִן הַיָּם, [ס׳איז] ׳גאָרנישט׳ [קעגן] דעם וואָס דו וועסט זען שפּעטער, ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן.

קפ

[והשי״ת יעזור] מ׳זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן מ׳זאָל מיר דאָס דערלעבן, מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין צו זען, זוֹכֶה זיין צו זיין בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא[סט], ווען ס׳וועט זיין בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, און דער בורא כל עולמים וועט העלפן ס׳וועט זיין נֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד, ס׳וועט זיין מָלַךְ ה׳ בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם.

מ׳זאָל זיך ׳האַלטן׳ [ביז דעמאָלטס], דער אייבירשטער זאָל העלפן מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל זיך קאָנען דערהאַלטן אין ׳דעם׳ [בכחו וזכותו של אברהם אבינו].

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן.

ריט

## ברכת הקודש

הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם:

מ׳זאָל זיין דָּבוּק אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, און אין דֶּרֶךְ הָאֱמֶת.

מ׳זאָל די זְכִיָּה האָבן [אַז אויך] ביז בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ - ביז דערווייל, ביז דערווייל - מ׳זאָל זיך נישט ׳אויסגליטשן׳, [נאָר] מ׳זאָל גיין אין דֶּרֶךְ הָאֱמֶת.

מ׳זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן, נאָך צו טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה פאַרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

מ׳זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן, מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בְּנַחַת וּבְשִׂמְחָה, וּבְאַנְפִּין נְהִירִין.

בִּמְהֵרָה זאָל מיר זוֹכֶה זיין, צו זען הִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[סט] מלשון פיוט אקדמות לחג השבועות. זַכָּאִין כַּד שְׁמַעְתּוּן שְׁבַח דָא שִׁירָתָא, קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווּן בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא, וְתִזְכּוּן דִּי תֵיתְבוּן בְּעֵילָא דָרָתָא.

KolSatmar.com